RG 85 Shalom Schwarzbard Papers Clippings - articles by Shalom Schwarzbard 1924, 1928-1933 Folder 907

ש. שווארצבארד.

# פון מיין מלחמה טאָג בוך.

—::—

72436

## די ערלים וועלען נאָך דערהערען.

I.

מיר האָבען דאמאָלס אָפּערירט אין קיעווער גובערניע, און עס איז געווען אַ זייגער צעהן אין דער פרי ווען מיר זענען אָנגעקומען אין זשידאָווסקי גרעבלי.

ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער הילצערנער בריק איבער אַ שטעהענד גרין וואַסער האָט אַ רייטער פון אַוואַנגאַרד מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אַז אַ 200 שפּאַן געגעניבער איז פון אַ נידעריגע הייזקע אַרויסגעלאָפען אַן אַלטע איינגעהויקערטע פרוי אין אַ לאַנג קלייד און איז ווי אַ דערשראָקענע פאַרפאָלגטע מויז אַריין אין אַ צווייטע קליינע הייזעל מיט פאַרמאַכטע לאָדענס...

די זאַך איז אונז פאָרגעקומען פאַרדעכטיג. בין איך אַראָפּ פון מיין פערד, וועלכען איך האָב איבערגעגעבען דעם רייטער, און האָב זיך אַוועקגעלאָזט צום הייזעל וואו די אַלטע איז אַריין. איך וויל אויפמאַכען די טיר, אַז זי פאַרריגעלט. איך קלאַפּ אָן עטליכע מאָל; קיינער ענטפערט ניט. געה איך צו צו די לאָדענס און קלאַפּ שוין העפטיגער, אָבער אין קול ואין עונה. זאָל איך האָבען געמאַכט אַ טעות? טראַכט איך זיך. אָבער דאָ פאַלט מיר איין, אַ געדאַנק, און איך בויג זיך איין צו אַ שפּאַלט אין לאָדען און רוף אויס: „אידען, עפענט; איך בין אַ איד!"

דאָס האָט געווירקט. דער ריגעל פון טיר האָט באַלד אַ סקריפּע געטאָן און די אַלטע פרוי האָט זיך באַוויזען אין דער האַלב געעפענטער טיר.

דערזעהענדיג אַ סאָלדאַט מיט אַ זעבעל ביי דער זייט און אַ קאַראַבינקע איבערן אַקסעל און אַ רעוואָלווער אין האַנט האָט זי זיך דערשראָקען און איז געבליבען שטעהן ווי אַ פאַרשטיינערטע. איך האָב דאָס אָבער גלייך באַמערקט און רוף זיך אָן:

„איך האָב אייך דערזעהן פון דערווייטען, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָ וואָהנען אידען בין איך צוגעקומען."

„אין איך האָב ווידער געמיינט אַז דאָס זענען די „גרינע" *) ווידער געקומען, האָבען מיר זיך פאַרשלאָסען, קומט אַריין! וואָס שטעהט איהר דרויסען"?

ווען איך בין אַריין אין שטוב האָט זיך פאַר מיר געעפענט אַ שרעקליכע בילד: אַ דורכגעשאָסענער צעבראָכענער שפּיגעל, צוריסענע ווענט, דער סאָפיט דורכגעלעכערט פון שפּיזען, אַ צוהאַקטער טיש מיט צוקאַליעטשעטע שטולען, אַ צובראָכען בעט מיט צעריסענע בעטצייג, אין מיטען שטוב אַ קופּע כל המינים שברי כלים, און אין אַ ווינקעל זיצט אויף דער ערד אַן אַלטער איד אין אַ צעפליקטער קאַפּאָטע און באָרועס, מיט פון וויינען פאַרשוואָלענע אויגען, פון וועלכע עס האָבען זיך געקאַטשעט גרויסע טרערען אויף די איינגעפאַלענע בלוטלאָזע באַקען.

„זעה, אָט דאָס וואָס זיי האָבען פון אונז געמאַכט!" האָט דער אַלטער געזאָגט אויפהעבענדיג זיין קאָפּ צו מיר און דערזעהענדיג ווי איך שטעה פאַרפלעפט און באַטראַכט די שרעקליכע חורבן סצענע, וועלכע האָט זיך פּלוצלונג געעפענט פאַר מיינע אויגען.

מעהר איז ניט נויטיג געווען צו זאָגען. דער אָנבליק פון שטוב, די הילפלאָזע פאַרלוירענקייט פון דער אַלטעטשקער אין טראַנטעס און די טרערען פון דעם באָרוועסען אַלטען בכבודען אידען זענען באַלד דורכגעדרונגען דורך מיין סאָלדאַטסקען שינעל, און אין אפשר אַ מינוט אַרום בין איך שוין געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנד און האָב געכליפּעט אויפן קול.

„וויין ניט, מיין קינד, די ערלים וועלען נאָך דערהערען... צו וואָס זאָלען זיי זיך קילען אין אונזערע טרערען?" האָב איך פּלוצלונג ווידער דערהערט דעם אַלטענס ווייכע בעטענדע שטים.

דעם אַלטענס ווערטער האָבען נאַטירליך געהאַט די ענטגעגענגעזעצטע ווירקונג אין מיין שלוכצען איז געוואָרען העפטיגער און קאָנוואולסיווער.

פּלוצלונג האָב איך דערפילט ווי אַ האַנד האָט זיך אַרויפגעלעגט אויף מיין פּלייצע, אַ ווייכע צאַרטע האַנד ווי די האַנד פון אַ מוטער, וועלכע האָט הינטעראיינאַנדער געגלעט אין געטרייסט, ביז דער קוואַל פון מיינע טרערען האָט אויפגעהערט און איך האָב זיך באַרוהיגט.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און בין געוואָר געוואָרען די איינצעלהייטען פון שרעקליכען פּאָגראָם, וועלכע דער אַלטער האָט מיר איצט איבערגעגעבען אין אַ רוהיגען טאָן.

אַכט אידען זענען אין דעם קליינעם אָרט דערמאָרדעט געוואָרען; ביי אַן אַלמנה מיט פיר קינדערלאַך, וואָס איהר מאַן איז געפאַלען אין דער מלחמה, האָט מען איהר איינציגען שפּייזער, איהר קוה, געקוילעט, און די פרוי איז פון צער געשטאָרבען; ביי דעם אַלטען האָט מען אַלץ צעראַבירט און צעשטאָכען, און דערצו האָט מען איהם נאָך מערדערליך מיט אַן אייזען געשלאָגען, דערביי האָט ער אַראָפּגענומען זיין היטעל און האָט מיר געוויזען די שרעקליכע וואונדען, וועלכע די מיט פאַרגליווערט בלוט צוזאַמענגעפּלאָנטערטע האָר האָבען קוים געקאָנט פאַרבאָרגען.

„אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבען זיי מיך אַזוי צערגעט? אַזויפיל יאָרען מיט זיי צוזאַמענגעלעבט, וואָס האָב איך זיי געטון?" האָט דער אַלטער פּלוצלונג אונטערבראָכען זיין רוהיגע ערצעהלונג און האָט זיך ווידער צעוויינט.

איצט בין איך געווען דער שטאַרקער, און האָב געטרייסט און באַרוהיגט דעם אונגליקליכען אַלטען אַזוי ווייט ווי איך האָב געקאָנט.

נאָך אייניגער צייט האָב איך זיך מיט זיי אָפּגעזעגענט און בין צוריק צו מיין אָטריאַד. מיר האָבען נאָך געהאַט אַ גאַנץ לאַנגען וועג, וועלכער איז ניט געווען גאַנץ זיכער, אָבער מיך האָט קיין זאַך ניט אינטערעסירט. פאַרשטונרען בין איך שטום אויף מיין פערד געריטען, און אין מיינע אויערען האָבען אונאויפהערליך געקלונגען די ווערטער פון אַלטען:

„וויין ניט, מיין קינד, די ערלים וועלען נאָך דערהערען!"...

---

*) די זעליאָנאָוועס.

אַרכיסטישע אידעען צווישען די אַרבעטענדע מאַסען.

פֿאַר איהרע נעקסטע אויפֿגאַבען האַלט די גרופּע: 1) די אַרויסגאַבע פֿין אַן אַנאַרכיסטישען אָרגאַן (מאָנאַטליך אָדער ווען מעגליך צוויי-וועכענטליך) אין רוסיש, פֿאַר רוסלאַנד און אַיסלאַנד, און 2) די הערשטעלונג פֿון רעגעלמעסיגע באַציהונגען מיט רוסלאַנד בכדי צו פֿאַרשטאַרקען דאָרט די אַנאַרכיסטישע אַרבעט.

די נאָהענטקייט פֿון רוסלאַנד עֿפֿענט פֿאַר דער גרופּע ברייטע מעגליכקייטען און מאַכט איהר אַרבעט פֿאַר באַזונדערס נויטהוענדיג. ביי אַ גוטער איינאָרדנונג קאָן די גרופּע דינען אַלס אַ בינדע-גליד צווישען דער רוסישער און איסלענדישער אַנאַרכיסטישער באַוועגאונג און איהר טעטיגקייט קאָן באַקומען אַ זעהר וויכטיגע באַדייטונג.

אים די גרופּע זאָל קאָנען מיט ערפֿאָלג לייזען די אויפֿגעשטעלטע אויפֿגאַבען נויטיגט זי זיך נאַטירליך, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט, אין אַ וואַרימע מאָראַלישע און מאַטעריעלע אינטערשטיצונג פֿון אָרגאַניזאַציעס און חברים.

אונטער אַ מאָראַלישער שטיצע פֿאַרשטעהען מיר צו שיקען דער גרופּע קאָרעספּאָנדענציעס וועגען דעם מצב אויפֿן אָרט, ליטעראַרישען מאַטעריאַל, געדרוקטע אויסגאַבען אא"וו. אונטער מאַטעריעלער שטיצע פֿאַרשטעהען מיר נאַטירליך קודם כל געלדמיטלען.

די גרופּע ווענדעט זיך דערפֿאַר צו אַלע אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס און איינצעלנע מיטגלידער מיט דער ביטע

שטעטיגט, די לאָקאַלען ווערען אין אַסך ערטער רעקוויזירט, די אינספּעקטאָרען פֿאָדערן אָפֿט איינפֿיהרען די פּוילישע אונטעריכטשפּראַך אא"וו. בפרט זיינען בולט די רעפּרעסיעס אין די ראַנדלענדער. ב) אונזער שול איז אַ לעבענסבאַדערפֿעניש פֿאַר די יודישע מאַסען, זי איז דורך זיי אויפֿגעבויט מיט אַזויפֿיעל מסירת נפש און עס וועט בשום אופֿן ניט דערלאָזט ווערען, אַז עס זאָל רואינירט ווערען דער בנין פֿון דער יוד. שול.

די צוזאַמענפֿאָהר מעלדעט זיין קאַטעגאָרישען פּראָטעסט געגען דער רעגירונג און געגען די אָרטיגע מוניציפּאַליטעטען פֿאַר זייער פֿאָלשטענדיגען איגנאָרירען די שולבאַדערפֿענישען פֿון די יודישע מאַסען און פֿאָדערט אַז די יודישע שולען זאָלען איינגעשלאָסען ווערען אין דער אַלגעמיינער מלוכה'שער שולנעץ און פֿאַר זיי זאָל אַס גנירט ווערען סיסטעמאַטיש גרעסערע שטיצע הן פֿון די צענטראַלע מלכה-פֿאָנדען הן פֿון די אָרטיגע מוניציפּאַלע. דער צוזאַמענפֿאָהר רופֿט די גאַנצע יודישע באַפֿעלקערונג אונטערצוהאַלטען מיט דער גאַנצער ענערגיע די דאָזיגע גערעכטע פֿאָדערונג. דער צוזאַמענפֿאָהר פֿאָדערט, עס זאָלען תּיכּף אויפֿהערען אַלע רעפּרעסיעס געגען די שולען און מען זאָל זיי לאָזען פֿריי זיך ענטוויקלען און אַז דער כאַראַקטער פֿון אונזער שול זאָל ביים איינשליסען אין דער מלוכה נישט געענדערט ווערען.

דער צוזאַמענפֿאָהר האַלט, אַז די רדיפות אויף דער יודישער שול, וועלכע איז געבויט געוואָרען פֿון דער יודישער אַרבייטערשאַפֿט און ווערט באַזוכט אַמייסטען פֿון די יודישע אַרבייטער קינדער, זיינען אויך אַן אויסדרוק פֿון אויסראָטונגס-קאַמף מצד די איצטיגע הערשענדע קלאַסען אין פּוילען אַנטקעגען דעם יודישען אַרבייטער קלאַס און זיינען אַ רעזולטאַט פֿון דער אַלגעמיינער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג.

דער צוזאַמענפֿאָהר פֿאָדערט דעריבער אויף דעם יודישען אַרבייטער קלאַס אָנצופֿיהרען דעם קאַמף פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון יודישען שול-וועזען און איינגלידערן די דאָזיגע פֿאָדערונגען אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף, וועלכען ער פֿיהרט אָן. דער צוזאַמענפֿאָהר רופֿט די פּוילישע אַרבייטער מאַסען אונטערצושטיצען די יודישע אַרבייטערשאַפֿט אין דעם דאָזיגען קאַמף, וועלכער איז גלייכצייטיג אַ קאַמף פֿאַר דער נייער אַרבייט-שול בכלל.

דער צוזאַמענפֿאָהר פֿאָדערט אַז דער וועלטליכער שול-וועזען מיט דער יודישער אונטערריכט-שפּראַך זאָל האָבען זיין איינענע צענטראַל אָרגאַניזאַציע וועלכע פֿאַרוואַלטעט מיט איהם.

———

## די לאַגע פֿון אונזערע חברים אין די רוסישע טיורמעס. *)

ווערטער גענאָסע,

אַ חבר וואָס איז די טעג פֿון רוסלאַנד געקומען האָט אונז איבערגעגעבען אַז ראָדע, אונזער אַלטער ליבער גענאָסע, דער געוועזענער סעקרעטאַר פֿון ניו-יאָרקער „גאָלאָס טרודאַ", זיצט אין חאַרקאָווער טשעקאַ שוין באַלד צוויי יאָהר. אויסערדעם האָט מיר איבערגעגעבען אַ מיטגליד פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿין די מענשעוויקעס וואָס איז ניט לאַנג אויף אונזער שטייגער אַרויסגעטריבען געוואָרען פֿון רוסלאַנד, אַז די לאַגע פֿין אונזערע חברים אין די געפֿענגענישען פֿון דער „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט" זיינען אונמעגליך צו באַשרייבען. אין דעם אַ־כאַנגעלסקער קאָנצענטראַציאָן-לאַגער איז מען מאַנס די פֿרויען און מען דערשיסט פֿאַר אַ קלייניגקייט...

איך גלויב אַז איהר וועט זיין איינשטימיג אַז צו דעם צוקינפֿטיגען ערשטען מאַי דאַרפֿען מיר אויף אונזער פֿאָהן אויפֿשרייבען דעם לאָזונג וואָס דאַרף ווערען דער לאָזונג פֿון די אַרבייטער-שיכטען פֿון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ: „מיר פֿאָדערן די באַפֿרייאונג פֿון די אַנאַרכיסטען און אַלע עהרליכע רעוואָלוציאָנערען פֿון די סאָוויעטען-געפֿענגענישען!"

מיט חבר גרוס,

מאַרק מראַטשני.

P.S. מיר ערפֿאַרען נאָר וואָס אַז מעיער רובינטשיק, איינער פֿין די הויפּט מיטאַרבייטער פֿון דער אַרויסגעבער-גרופּע „גאָלאָס טרודאַ", איז פֿאַרהאַפֿטעט געוואָרען אין מאָסקוואַ און אַנצאָל אַנדערע גענאָסען זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרען, דאַרונטער פּ. קאָלאַבושקין, וועלכער איז יאָרענלאַנג געזעסען אין דער שליסעלבורגער קרעפּאָסט, ווי מען טיילט אונז מיט פֿון מאָסקוואַ אינסצענירען די באָלשעוויקעס אַ פּראָצעס געגען דיזע חברים און באַשולדיגען זיי מיט וואָס נאָר עס שטעהט אין דער הפטרה.

———

*) צוליעב פֿאַרשידענע סבות האָט דיזער בריעף לײדער ניט געקאָנט אַריין אין פֿריהערדיגען נומער.

די רעד.

72437

ש. שווארצבארד.

# פון מיין מלחמה טאגבוך.

—)::(—

## II.

## א קאמעדיע.

נאָך אַ לאַנגען שווערען מאַרש זענען מיר נאָכמיטאָג אָנגעקומען אין דאָרף לאקא, קיעווער גובערניע.

מיר האָבען געמאַכט האַלט, און באַלד האָבען זיך די סאָלדאַטען צולאָזען, ווי אימער, איבערן דאָרף צו זוכען עפּעס עסען.

ווי באַשיידען איינער זאָל ניט זיין איז שווער לאַנג אויסצוקומען מיטן שטיקעל דאַרען ברויט פול מיט זאַמד, וואָס עס קומט לויטן רעגלאַמענט, און, באַזונדערס ווען מען איז מאַט און אויסגעהונגערט, גלוסט זיך עפּעס בעסערס: א שטיקעל שטיין, אַביסעל מילך, א פּאָר איי-ער, אַ שיסעלע זויער מילך. ווער עס האָט דאָס געקאָנט באַקומען איז געווען גליקליך און האָט גערן געצאָלט וויפּיעל מען האָט פאַרלאַנגט. די אָרימע סאָלדאַטען האָבען איינפאַך געבעטעלט, און די פּויערן האָבען געגעבען אַמאָל אויס רחמנות און אַ מאָל פּשוט אויס מורא.

אויך מיר האָט מיין מאָגען דערמאָנט אַז עס איז שוין צייט צו געבען איהם עפּעס בעסערס ווי דעם סאָלדאַטסקען ברויט, און איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט מיט די אַנדערע איבערן גרויסען דאָרף צו זוכען „גליק.“

אין איינער פון די הייזלעך איז די טיר געווען האַלב אָפען און ניט קלערענדיג קיין סך געהם איך און שפּאַציר אַריין.

דער וואָהנצימער איז געווען גרויס און זויבער און נישט קשהדיג מעבלירט, קענטיג אַז דאָרט וואָהנט אַ פאַרמעגליכער פויער. אָבער אין שטוב איז שטיל, קיין נפש צו זעהן, ניט מעהר ווי אַ פּאָר גרויסע פליגען ושומען לויט און שלאָגען זיך אָן אָן די קליינע פענסטערלאַך.

איך רוף „חאַזיאַאין!“ איינמאָל, צוויימאָל און דריימאָל, אָבער קיינער רופט זיך ניט אָפּ.

געה איך אַרויס פון שטוב און געה אַריין אין דעם גרויסען גאָרטען, וואָס ציהט זיך הינטערן הויז, און רוף ווידער: „חאַזיאַאין, חאַזיאַאין!“ און ווידער אין קול ואין עונה.

פאַרשטעה איך שוין אַז דאָ באַהאַלט מען זיך פאַר אונז און לאָז זיך טיפער אין גאָרטען.

געהענדיג אויפן ווייכען גראָז שטויסט זיך מיין פוס אָן אַ פעקעל. איך העב אויף—אַ טלית זאַק מיט טלית און תפילין און אַ קרבן מנחה סדור!

ווערט מיר די זאַך שוין קשה. ווי קומט דאָס אין אַ פויערשען גאָרטען? ניט אַנדערש, דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרברעך... דאָס בלוט הערבט אָן אין מיר צו קאָכען און איך שריי שוין אין ווילדען כעס: „העי חאַזיאַאין, חאָדי סיודאַ, אַ ניעט, טאָ אוביו!“

אויף איינמאָל באַמערק איך ווי די קוסטעס הערבען זיך אָן צו באַוועגען. עס באַווייזט זיך אַ צעשויבערטער פויערישער קאָפּ און אַ ציטערדיקע שטימע רופט זיך אָן:

„יאַ, פּאַן!“

„ביזטו דאָס דער בעל הבית?“ פרעג איך איהם ווען ער שטעהט שוין פאַר מיר מיט דער היטעל אין די האַנד און ציטערט מיט זיין גאַנצען שווערען קערפּער.

„יאָ, פריץ!“

„פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטען?“

„איך...איך האָב זיך גאָר ניט באַהאַלטען,“ שטאַמעלט דער פויער מיט אימער וואַקסענדער מורא.

„דו לייגסט!“ רוף איך מיט כעס און גיב אַ טופּע מיטן פוס, „דו האָסט געראַבעוועט און געמאָדערט און האָסט זיך פאַרבאַהאַלטען כדי מען זאָל דיך ניט געפינען.“

„ניין, פריץ! איך בין אַן אָרענטליכער מענש און האָב קיינעם ניט“...

„און וואָס איז דאָס“? אונטערברעך איך איהם אָנווייזענדיג אויפן טלית זאַק, „זאָג דעם אמת, אַניט דערשיס איך דיר דאָ ווי אַ הונד.“

„האָב רחמנות, פריצל!“ בעט זיך דער פויער דערזעהענדיג אַז איך כאַפּ זיך צו מיין רעוואָלווער, „איך בין אַ טאַטע פון קליינע קינדער און האָב קיינמאָל קיינעם קיין רעה ניט געטהון, אָבער דאָ זענען געווען אידען“...

„האָסטו זיי באַראַבעוועט און ערמאָרדעט!“

„חלילה, פריצל! איך האָב זיי פאַרבאַהאַלטען, אָבער איך האָב ניט געוואוסט אַז מען טאָר קיין אידען ניט באַהאַלטען.“

„וואו זיינען זיי?“

„גאָט איז מיט דיר, פריצל!“ פאַלט מיר דער פויער צו די פיס און בעט תחנונים, „טהו זיי קיין שלעכטס ניט! דאָס זיינען אָרימע שטילע מענשען, וועלכע האָרעווען שווער און האָבען קיינעם ניט אויף אַ האָר אָנגעריהרט. אונגליקליכע מענשען!“

איך בין געבליבען שטעהן האַלב צומישט, ניט באַגרייפענדיג ריכטיג די לאַגע.

„איך וועל זיי גאָר ניט טהון“, האָב איך געענטפערט אונבאַוואוסט.

„אויב דו וועסט זיי קיין שלעכטס ניט טהון וועל איך זיי רופען“, האָט זיך דער פויער אָנגערופען קוקענדיג מיר אין די אויגען ווי ער וואָלט וועלען אונטערזוכען צו איך מיין דאָס באמת צו ניין.

„חאַצקעל, לייבע, קומט אַרויס! דער פריץ וועט אייך גאָר ניט טהון“, האָט ער גערופען זיך ווענדענדיג צו די קוסטעס.

אַ פּאָר מינוטען זענען פאָריבער און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען. איך האָב פאַרשטאַנען אַז די אידען מוזען ניט זיין גאַנץ זיכער און רוף זיך אָן:

„האָט קיין מורא ניט, אידען; איך בין אויך אַ איד!“

דאָס האָט געווירקט ווי מאַגיק און פלוצלונג זיינען פון די קוסטעס אַרויסגעשפרונגען צוויי עלטערע אידען מיט בלאַסע פנימער, אָנגעטהון אין טראַנטעס און מיט באָרוויסע פיס.

„געלויבט איז השם יתברך!“ האָט זיך דער עלטערער אָנגערופען דערזעהענדיג מיך, „מיר האָבען געהערט אַז עס קומען אָן סאָלדאַטען, האָבען מיר זיך באַהאַלטען. מיר זיינען די איינציגע וואָס זיינען דאָ לעבען געבליבען נאָך דעם שרעקליכען פאָגראָם וואָס די זעליאַנאָוויצעס האָבען דאָ מיט אַ צוויי וואָכען צוריק געמאַכט. געבליבען הויל און נאַקעט, אָבער אַ דאַנק פריהער דעם וואָס מיר זיינען גיט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען דערנאָך אָט דעם ערל וואָס איז איינער פון די חסידי אומות העולם איז מען כאָטש לעבען געבליבען“.

„טפוי זאָל דאָס ווערען! אַלזאָ, דו ביזט אויך אַ איד!“ האָט זיך דער פויער אָנגערופען און זיך שטאַרק צעלאַכט.

מיר זיינען אַריין אין שטוב. דער פויער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ ברויט און אַ שיסעל פרישע זויער מילך. איך האָב ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און זיך גענומען צום עסען, וועלכער האָט געהאַט כל הטעמים. די אידען זיינען געזעסען און האָבען מיר איבערגעגעבען די איינצעלהייטען פון פאָגראָם וואָס איז געווען אין דאָרף, און דער פויער האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען אונטערברעכענדיג פון צייט צו צייט זיין לאַך-אָנפאַל מיט אַ:

„ביי גאָט, נו, אַ קאָמעדיע!“

אַן אַנדערע מעהר קאָמפּליצירטע זייט פֿון דער זאַך.

ערשטענס, זענען ניט אַלע פֿאַקטען ווירקליך כאַראַקטעריסטיש און באַלעהרענד. כדי אויפֿצובויען פֿון די פֿאַקטען מעהר אָדער ווייניגער ריכטיגע רעזולטאַטען דאַרף מען קאָנען אונטערשיידען די פֿאַקטען און וויסען וועלכע זענען ווירקליך גרינדליך און ענג פֿאַרבונדען מיט דעם עצם פֿון די זאַכען.

צווייטענס, דאַרף מען קאָנען אויסגעפֿינען אין די פֿאַקטען די כאַראַקטעריסטישע זייטען וועלכע שפּיגלען אָפּ אָט דעם עצם פֿון די זאַכען.

דריטענס, דאַרף מען שטענדיג געדענקען אַז הינטער די פֿאַקטען זיינען די אורזאַכען וועלכע האָבען צו זיי געפֿירט און אַז אָהן אַ גרינדליכע ערקלערונג פֿון דיזע אורזאַכען שטעלען די פֿאַקטען פֿאָר ענטוועדער איינצעלנע עפּיזאָדען וועלכע זאָגען ווייניג און בלייבען אונפֿאַרשטענדליך אָדער ווערען ניט ריכטיג פֿאַרשטאַנען.

נאָר אַ באַדייטענדע סומע פֿון כאַראַקטעריסטישע, גרינדליכע פֿאַקטען און נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרינדליכע אורזאַכען וועלכע ערקלערען זיי קאָן דער אמתער עצם פֿון די זאכען באַלייכטעט ווערען און ריכטיגע רעזולטאַטען קאָנען ענטשטעהן.

שלימער איז עס נאָך בנוגע צו ציפֿערן. אַן און פֿאַר זיך זאָגען ציפֿערן אַבסאָלוט גאָר ניט. מיט זיי קאָן מען שפּיעלען ווי מען וויל. נאָר אַ וויסענשאַפֿטליכע אויספֿאָרשונג און צוזאַמענשטעלונג פֿון די ציפֿערן, נאָר אַ באַ-[illegible] פֿון דעם אינער־ליכען צוזאַמענהאַנג [illegible] דאַטען

וואָרט? אַ ווירטשאַפֿט וואו עס איז ניטאָ קיין פּריוואַטער אָדער שטאַטליך־אונטערנעמערישער און ניט קיין געזעלשאַפֿטליכער עקאָנאָמישער פּראָצעס, ד"ה וואו עס איז איבערהויפּט קיין עקאָנאָמישער פּראָצעס ניטאָ. וועלכע פֿון ביידע סכעמען קאָן מאָן אָנווענדען אויף באַקאַנט ווערען מיט אַן עקאָנאָמיק, אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין אַזוי אָדער אַנדערש אָרגאַניזירטע דאָרף ווירטשאַפֿט, קיין ענטוויקלונגס פּראָצעס פֿון האַנדעל, קיין ריכטיגע וועקסעל-באַציהונגען צווישען זיי ביידע, ד"ה וואָס איז ניט קיין באַשטימטע און אפילו ניט קיין איבערגעהענדע עקאָנאָמיק? מיט וועלכע מעטאָדען פֿון אַ פּאָליטישער עקאָנאָמיע אָדער פֿון אַן אַנדער היינטיגער געזעלשאַפֿטליכער וויסענשאַפֿט קאָן מען אָפּערירען בנוגע צו אַ לאַנד, וואו עס איז אפילו ניט קענטיג ניט קיין באַשטימטע אָרגאַניזאַציע פֿון פּראָדוקציע און אַרבייט, ניט קיין רעגעלמעסיגע געלר אָדער אַן אַנדער סיסטעמע פֿון אויסטויש, ניט קיין האַנדעל אָדער קרעדיט נאָר אַ קויף-און-פֿאַרקויף וואָס באַזירט אויף די פֿאַנטאַסטישסטע יכודות פֿון וואוכערישער ספּעקולאַציע, וואו עס איז אייגענטליך ניטאָ ניט קיין האַנדעלס און ניט קיין פּראָדוקציאָנס בורזשואַזיע נאָר אַן אייגנאַרטיגער קלאַס פֿון אַ רויבערישער קויפֿמאַנשאַפֿט, וואו, לויט לענין׳ס אָפֿטע באַהויפּטונגען, איז אפילו ניטאָ קיין פּראָלעטאַריאַט, ד"ה קיין פּראָדוצענט, און וואו, לויט די לעצטע עדות פֿון די סאָוועטישע עקאָנאָמיסטען, עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט דער אייגנאַרטיגסטער „קריזיס פֿון באַראַרפֿער", וואו מיליאָנען קומען אום פֿון הונגער און עפּידעמיעס בעת אַנדערע לעבען אַ גוטען טאָג, וואו אַלץ דרעהט זיך אין אַן אונדערקבאַרען כאַאָס און איז צופֿעליג און אונהאַלטבאַר ווי די וועלט איז געוועזן באַפֿויר זי איז באַשאַפֿען געוואָרען? וועלכע פּאָליטישע עקאָנאָמיע קאָן פֿאַרטיג ווערען מיט אַזאַ בילד און געבען אַ שליסעל צו איהר פֿאַרשטענדניש?

פֿון אַזאַ פּאָליטישער עקאָנאָמיע ווייסען מיר ניט. דאָס איינציגע וואָס די היינטיגע וויסענשאַפֿט קאָן טהון (און דאָס קאָן אייגענטליך געטהון ווערען אויך אָהן איהר) איז צו באַשטימען די געגעבענע לאַגע אַלס אַן איבערגאַנג. עס פֿאַרשטעהט זיך אַז דאָס הייסט אייגענטליך גאָר ניט געזאָגט, ווייל עס האַנדעלט זיך ניט וועגען קאָנסטאַטירען אַן איבערגאַנג פֿון דער לאַגע וואָס איז קלאָר פֿאַר אַלעמען נאָר וועגען קלאָר מאַכען דעם כאַראַקטער און עצם פֿון דיזען איבערגאַנג. דיזע קלאָר מאכונג איז אָבער די וויסענשאַפֿט ניט בכח צו אונטערנעמען.

ובכן זענען די היינטיגע וויסענשאַפֿטליכע מעטאָדען אַזוי בכח צו העלפֿען אונז צו באַגרייפֿען דעם עצם פֿון דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון איצטיגען רוסלאַנד ווי די ווידערשפּרעכענדע פֿאַקטען און ציפֿערן גופא. די כאַאָטישקייט פֿון די אַנשויאונגען און אויספֿירונגען פֿון די פֿאַרשידענע עקאָנאָמיסטען בנוגע צו דער רוסישער עקאָנאָמיק אונטערשטרייכען אָט דיזע אונמעגליכקייט.

אין אַ באַזונדערער פֿאַרלעגענהייט בנוגע אַ ריכטיגען פֿאַרשטעהן פֿון דער רוסישער עקאָנאָמישער ווירקליכקייט געפֿינען זיך דוקא די פֿאַר וועמען עס איז אַם נויטיגסטען דאָס צו פֿאַרשטעהן: די אַרבייטער מאַסען אין אויסלאַנד. גלויבען די פֿאַקטען און ציפֿערן און אויספֿירונגען פֿון דער אַנטי-קאָמוניסטישער פּרעסע קאָנען זיי נאַטירליך ניט. טאָ וואוזשע איז דער אמת? וואו זוכען די אויספֿירונגען וועלכע מען זאָל קאָנען גלויבען? דערצו האָבען זיי אויך קיין מעגליכקייט ניט

דאָרף. און וואָס איז אונז עקשינען ווי אַ פֿאַרווירקליכונג פֿון די צוקונפֿט חלומות מיט וועלכע מיר האָבען געלעבט און פֿאַר וועלכע מיר זיינען יעדען אויגענבליק געווען באַרייט צו פֿאַרגיסען אונזער לעצטען טראָפּען בלוט.

עס איז שוין געווען פֿאַרנאַכט און אַ ים פֿון ליכט האָט זיך צוגאָסען פֿון שפּיץ קלויסטער איבער די ווייסע הייזער, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי ווייסע פֿלעקען אויף דעם באַצויבערנדען דופֿטיגען טעפּיך, וואָס די נאַטור האָט ווי בכיוון אויסגעשפּרייט פֿאַר אונזערע מאַטע גלידער, און האָט באַרייכערט די פֿאַרבען-פּראַכט און די אידיליע פֿונם אָרט. די גאַס איז געווען באַלעבט פֿון גוט געקליידטע קינדער און מיידלאַך, וועלכע די נייגער האָבען געטריבען צו באַטראַכטען די נייע אורחים, און אויף די גאַניקעס זיינען געזעסען די בעלי בתים און געזופּט טיי מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיגקייט און רוה.

אונזער אָטריאַד האָט פֿאַרשטאַנען אַז דאָ איז אַן אָרט וואו מען וועט זיך קאָנען גוט אויסרוהען אַ נאַכט און אַגב אויך גוט אָפּעסען, און חברה האָט זיך באַלד אַראָפּגעכאַפּט פֿון די פֿערד, וועלכע מען האָט באַזאָרגט מיט היי און וואַסער און צוגעבונדען צו די גראַטעס פֿון קלויסטער, און האָט זיך צערשטרייט איבערן דאָרף צו זוכען „גליק," ווי דער שטייגער איז. די סאָלדאַטען האָבען זיך געמאַכט „פּאַניע-בראַט," מיט די מיידלאַך און יונגע ווייבלאַך, און איבערן גאַס האָט זיך באַלד צעגאָסען אַ שטראָם פֿון יונגע, האַרציג-געזונטע געלעכטערס.

(אין אונגאַרן [illegible])

איך און מיין פֿריינד טעפּער זיינען געווען צופֿיעל איבעראַשט און באַצויבערט פֿון דאָרף און זיין נאַטור פּראַכט און האָבען זיך געלאָזען איבערן גאַס מעהר באַוואונדערנדיג די „גן עדן סצענעריע" ווי דענקענדיג וועגען „גליק."

אָפּשטעלענדיג זיך פֿאַר אַ גאָרטען, וועמעס גוט געפֿלעגטע ביימער האָבען זיך געבויגען אונטער אַן אונגעוועהנליך שווערער לאַסט פֿון פֿרוכט, האָב איך פֿון דערווייטענס באַמערקט אַ פֿיגור אין אָרימע צעריסענע פּויערשע קליידער, וועלכע האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אויפֿן שאָסיי אין דער ריכטונג צו אונז צו.

די איינגעבויגענקייט פֿון דער פֿיגור און איהרע שלייכענדע ווי ניט זיכערע שריט האָבען געצויגען מיין אויפֿמערקזאַמקייט, און איך רוף זיך פּלוצלונג אָפּ צו מיין פֿריינד:

„וואָס וועטסטו, טעפּער, אַז דאָרט געהט אַ איד?"

~~טעפּער האָט אַן אויגענבליק באַטראַכט די פֿיגור און האָט זיך צולאַכט.~~

~~„אפֿשר זיינען מיר גאָר ניט אין פּיאַדאָווקאַ, אין דער קלויסטער דאָרט איז גאָר די באַרדיטשעווער גרויסע שול," האָט ער איראָניש באַמערקט.~~

~~איך האָב קיין נאָטיץ ניט גענומען פֿון טעפּערס איראָנישער באַמערקונג, ווייל נאָך~~ די פֿיגור איז נאָהענטער צו אונז צוגעקומען איז מיין ~~[illegible]~~ רשעה ביי מיר אַלץ מעהר געוואָרען אַ געוויסהייט.

ווען די פֿיגור איז פֿאַר אונז פֿאַרבייגעגאַנגען, רוף איך זיך אָן בקול:

„אַ גוטען אָוועגט אייך, פֿעטער! איהר זענט אַ היגער?"

די פֿיגור איז אַווילע שטעהן געבליבען, ווי איבעראַשט און צומישט, און האָט נאַכהער אָנגעפֿאַנגען צו שפּרייזען האַסטיגער.

„שרעקט זיך ניט; מיר זיינען אויך אידען!" האָב איך איהר נאָכגעשריען.

די פֿיגור האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהענדיג נאָכהער צו מיר האָט זי אַרויפֿלעגענדיג איהר האַנד אויף מיין מויל שטיל און דערשראָקען געזאָגט:

„שאַ, שרייט ניט אַזוי! איך וויל ניט אַז זיי זאָלען וויסען"...

טעפּער און איך זיינען געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט און האָבען קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פֿון דעם אידישען מוזשיק און זיין אָרימער קליידונג, וועלכע, צוזאַמען מיט דעם טיפֿען טרויער וואָס איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין אויסגעמוטשעטע פּנים, איז געווען אַ שאַרפֿער קאָנטראַסט צו דער רייכער גליקזעליגקייט פֿון אַרום.

„איהר קוקט מיך אָן," האָט די פֿיגור אָנגעפֿאַנגען פֿאַרשטעהענדיג דעם שטום פֿרעגענדען שטוינען פֿון אונזערע פּנימער, „די מעשה איז אַ קורצע און אַ טרויעריגע. איך אַליין שטאַם פֿון דער אידישער קאָלאָניע ג..., אַ וויאָרסט צעהן פֿון דאַנען. געווען קאָלאָניסטען פֿון דורי דורות און זיך געלעבט בשלום. נו, זיינען געקומען די גליקליכע נייע צייטען. האָבען זיי צוערשט ביי אונז די ביסעל אָרימקייט אַוועקגענומען און נאַכהער האָט מען אונז אויסגעשחטען. די ביסעל וואָס זיינען געבליבען זיינען זיך צולאָפֿען און די אַרומיגע פּויערן האָבען זיך צוטיילט מיט אונזער ערד. אַ גוטער אַרבעטער בין איך, נו, האָב איך זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ חלאָפּ און איצט אַרבעט איך דאָ, מילא, אַבי עס איז דאָ צו עסען און מען איז זיכער מיטן לעבען...אָבער שאַ! זיי טאָרען דאָס ניט וויסען...עס איז אַ סברה רוצחים האָבען געהאַט אַ יד אין אונזער אונגליק."

„זענט איהר דאָ אַליין?" האָב איך געפֿרעגט.

ש. שוואַרצבאַרד.

72438

# פֿון מיין מלחמה טאָגבוך.

—):(—

א אויך אונטער 13

~~אַ גן עדן התחתון.~~

ווען מיר זיינען אַריין אין פּיאַדאָווקאַ איז אונז ממש ליכטיג געוואָרען אין די אויגען.

ענדליך אַמאָל אַ דאָרף וואָס טראָגט ניט אויף זיך דעם נידערגעשלאָגענעם און נידערשלאָגענדען איינדרוק פֿון אַ גרויען ענדלאָזן מאָנאָטאָנעם לעבען אין דחקות און גייסטיגע און קערפּערליכע פֿאַרשקלאַפֿונג, ווי עס האָבען געטראָגען אויף זיך די הונדערטער דערפֿער, דורך וועלכע מיר האָבען מאַרשירט און וועלכע האָבען זיך אונז שוין אַזוי צוגעגעסען אַז ~~מיר האָבען ביסלעכווייז אפֿילו פֿאַרלוירען די סימפּאַטיע מיט די וועמען דער גורל האָט פֿאַרמשפּט אָפּצולעבען זייערע יאָהרען אין אַ צושטאַנד וואָס קומט אויס פֿאַר דער דענקענדען מענש צו זיין אַסך ערגער ווי דער גיהנום אין זיין פֿאַרבענרייכסטער שילדערונג~~. ווי אַ מדבר-מיראַזש איז פֿאַר אונזערע אויגען פּלוצלונג אויפֿגעטויכט דער גרויסער שעהנער דאָרף וואָס האָט זיך אויסגעצויגען אויף ביידע זייטען פֿון שאָסיי הינטער צוויי געדיכטע רייהען פֿון הויכע טאָפּאָליעס, מיט זייער געשמאַקפֿול באַקוועם געבויטע ווייסע הייזער-ווילאַס איינגעזעצט ווי דימאַנטען אין גרויסע גוט געפֿלעגטע פֿרוכט און בלומען גערטענס, ~~מיט זיין גרויסען שעהנעם קלויסטער וואָס וואָלט געווען אַ צירונג פֿאַר אַ מיטעלגרויסע אייראָפּעאישע שטאָדט~~ און מיט אַ הערליכער פֿאַרבענפּרעכטיגער נאַטור פּאַנאָראַמאַ פֿון באַרג און טאָל און טייך רינגס אַרום. אַ דאָרף וואָס האָט מעהר דערמאָהנט אָן די גאָרטען-שטעדט פֿון מערב אייראָפּאַ ווי אָן אַ רוסישען

„יאָ, גאַנץ אַליין. מעהר ווי זיך אַליין האָב איך איצט ניט, און עס טויג ניט אַז דאָ זאָלען זיין נאָך אידען. איהר פֿאַרשטעהט?"...

מיר האָבען זיך אָפּגעזעגענט מיטן איד און האָבען זיך שטום צוריקגעקעהרט צום קלויסטער, וואו אונזערע פֿערד האָבען רוהיג געקייט וויער היי. די לעצטע שטראַהלען פֿון דער זון האָבען אונזערע אויגען געשטאָכען ווי מיט מעסערס און דער הילכיגער געלעכטער פֿון די מיידלאַך אין ווייבלאַך האָט אין אונזערע אויערן געקלונגען ווי אַ טייפֿעלשע איראָניע אויף גאָט און די „שעהנע" וועלט זיינע.

אין הימעל האָבען זיך אָנגעצונדען שטערענדלאַך, וועלכע האָבען שעלמיש-לוסטיג צו אונז געוואונקען, [illegible] ~~מיר האָבען קיין נאָטיץ ניט גענומען, און~~ אויסציהענדיג זיך אויף אונזערע פלאַשטשעס אויפֿן גראָז זיינען מיר געלעגען און לאַנג געטראַכט, ענדלאָז ציעללאָז געטראַכט. אין מיינע אויערן האָבען הינטער איינאַנדער געקלונגען די שטילע אומעטיגע טענער פֿון דער תוכחה...

~~מיר זיינען געווען פֿראָה ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען און אונזער אָטריאַד האָט פֿאַרלאָזען דעם גן עדן התחתון וואָס מיר האָבען געמיינט אַז מיר האָבען דאָ געפֿונען... טעפּער און איך זיינען געריטען שטום, אָהן אַ געדאַנק און אָהן אַ קללה...~~

## פֿאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ".

—)::(—

### דער פֿאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ" בעט אונז צו פֿאַרעפֿענטליכען דעם פֿאָלגענדען אויפֿרוף:

ליבער חברים! —דער פֿאַרלאַג פֿון דעם אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטישען פֿאַרבאַנד „גאָלאָס טרודאַ" (מאָסקוואַ און פּעטראָגראַד) האָט באַשלאָסען צוטרעטען צו דער אַרויסגאַבע, דאָ הינ, פֿון אַ רייהע ביכער, וועלכע ער האָט שוין אַרויסגעגעבען אָדער וועלכע ער גיט איצט אַרויס אין רוסלאַנד, כדי צו באַפֿרידיגען דעם באַדאַרף אין אויסלאַנד פֿון אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. צוויי אומשטענדען האָבען אַרויסגערופֿען דיזע נויטווענדיגקייט: ערשטענס, דאָס וואָס עס איז זעהר שווער אַרויסצופֿיהרען דיזע ביכער פֿון רוסלאַנד, ווייל דער קאָמיסאַריאַט פֿאַרן אויסען-האַנדעל וויל דעם פֿאַרלאַג ניט געבען די נויטיגע ערלויבעניש, און צווייטענס, ווייל די צאָהל פֿון עקזעמפּלאַרען (20—10 טויזענד) וואָס ווערען איצט געדרוקט אין רוסלאַנד איז אַזוי קליין פֿאַר דעם באַדאַרף פֿון רוסלאַנד גופא אַז עס איז אונמעגליך צו עקספּאָרטירען קיין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ גענוג אויף צו באַפֿרידיגען דעם פֿאַרלאַנג פֿון דער דאָרטיגער רוסישער אַרבעטערשאַפֿט. עס איז דערפֿאַר באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אין בערלין אַ אָפּטיילונג פֿון פֿאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ." די אָפּטיילונג האָט זיך פֿאַרשטענדיגט מיט דער דייטשער סינדיקאַליסטישער אָרגאַניזאַציע (פֿרייע אַרבייטער אוניאָן דייטשלאַנדס) אַז זי זאָל איבערנעמען די טעכנישע זייט פֿון איבערדרוקען די פּובליקאַציעס פֿון „גאָלאָס טרודאַ" און די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אין שייכות מיטן פֿאַרלאַג.

עס ווערט בעאַבזיכטיגט צו פֿאַרעפֿענטליכען צוערשט באַקונין׳ס וידוי מיט אַן אויספֿיהרליכער הקדמה און צאָהלרייכע ווערטפֿולע באַמערקונגען פֿון מ. נעטלוי. דאָס בוך וועט ענטהאַלטען איבער 200 זייטען. נאַכהער וועלען ערשיינען: קראָפּאָטקין׳ס זיטליכקייט און גערעכטיגקייט, די מאָדערנע וויסענשאַפֿט און דער אַנאַרכיזם, דיעטיק (זיין גרויס נאָך אונפֿאַרעפֿענטליכט ווערק) און זיינע אַנדערע שריפֿטען, וועלכע דער „גאָלאָס טרודאַ" האָט אַרויסגעגעבען אין רוסלאַנד; באַקונין׳ס געקליבענע שריפֿטען אין 5 בענדער; מאַלאַטעסטאַ׳ס און עליזיי רעקליו׳ס שריפֿטען; פּוזשע און פּאַטאָ׳ס ווי מיר וועלען מאַכען די רעוואָלוציע (מיט קראָפּאָטקין׳ס הקדמה); דזשיימס גיליאָם׳ס אינטערנאַציאָנאַלען (אין 4 בענדער), קאַרל מאַרקס און דער אינטערנאַציאָנאַל.

אַזוי ווי די נידעריגע רוסישע וואַלוטע גיט ניט די מעגליכקייט אויסצוניצען די מיטלען פֿון פֿאַרבאַנד „גאָלאָס טרודאַ" פֿאַר די אַרויסגאַבע פֿון אַנאַרכיסטישע און אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד זיינען מיר געצוואונגען צו זוכען סובסקריבענטען אויף דיזע פּובליקאַציעס. די גענאָסען וואָס וועלען איינצאָלען 5 דאָלאַר אָדער 50 פֿראַנק אָדער 20 שילינג באַקומען צו איין עקזעמפּלאַר פֿון דיזע ביכער (ביז די צוגעשיקטע סומע וועט ערשעפּט זיין) מיט אַ דריטעל ווייניגער פֿון פֿאַרקויפֿספּרייז. אויף דיזע אופֿן וועט דער פֿאַרלאַג קאָנען אונאונטערבראָכען אָנגעהן מיט דער אַרבעט, און די סובסקריבענטען וועלען האָבען די ביכער פֿיעל ביליגער.

דער פֿאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ" און „דער סינדיקאַליסט" ווענדען זיך צו אַלע גענאָסען אין אויסלאַנד און מאַכען זיי אויפֿמערקזאַם אַז די אַרויסגאַבע פֿון רוסישע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד וועט ניט נאָר פֿאַרברייטען דעם באָדען פֿאַר די פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון אונ-

שייכות מיט דער רוסישער רעוואָלוציע.

מיר גיבען דאָ איבער אַ רעכענונג פֿון די ערהאַלטענע און אויסגעגעבענע געלדער:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ליסטען 32, 34, 35, 36 געזאַמעלט ביי טאָבאָוויטש | £ 2 | 6 | 4 |
| ליסט 9 געזאַמעלט ביי קוקס | | 9 | 0 |
| „ 33 „ „ מאַרקס | 1 | 16 | 0 |
| „ 18 „ „ שניידערמאַן | | 11 | 6 |
| דאָניישיאָנס: געזאַמעלט פֿון טאָבאָוויטש | 2 | 0 | 0 |
| דורכן אַרב. פֿר. | | 9 | 0 |
| לאַזאַרעף, ראָטשעסטער | | 6 | 8 |
| ראָזעלאָווסקי, קאַרדיף | | 7 | 0 |
| | 8 | 6 | 6 |
| שוין קוויטירט אין אַרב. פֿר. | 26 | 9 | 11 |
| טאָטאַל | 34 | 16 | 5 |
| אויסגעגעבען ביז איצט | 23 | 16 | 3 |
| אין קאַסע | 11 | 0 | 2 |

מיר בעטען אַלע קאַמעראַדען באַשטעלונגען און געלד צו אַדרעסירען צו דער גרופּע אויף פֿאָלגענדער אַדרעס:

H. Potashnik, 163, Jubilee Street,
London, E. 1.

אַלע גענאָסען זיינען איינגעלאַדען צו קומען דיזען זונטאַג, 2טען יולי, אין קלוב, 62 פֿילדגייט סטריט, אום 8.30 אָבענדס צו אַ

## דיסקוסיאָן,

וואו גענאָסע י. אייזענסטאָן וועט ערעפֿענען אַ דיסקוסיע אויף דער טהעמאַ: „די וויכטיגקייט פֿון אָרגאַניזאַציאָן".

[1933]

ש. שווארצבארד.

# פֿון מיין מלחמה טאגבוך.

2439

III.

## א גן עדן התחתון.

ווען מיר זיינען אַריין אין פּיאַדאָווקאַ איז אונז ממש ליכטיג געוואָרען אין די אויגען.

ענדליך אַמאָל א דאָרף וואָס טראָגט ניט אויף זיך דעם נידערגעשלאָגענעם און נידערשלאָגענדען איינדרוק פֿון אַ גרויען ענדלאָזן מאָנאָטאָנעם לעבען אין דחקות און גייסטיגע און קערפּערליכע פֿאַרשקלאַפֿונג, ווי עס האָבען געטראָגען אויף זיך די הונדערטער דערפֿער, דורך וועלכע מיר האָבען מאַרשירט און וועלכע האָבען זיך אונז שוין אַזוי צוגעגעסען אַז מיר האָבען ביסלעכווייז אפילו פֿאַרלוירען די סימפּאַטיע מיט די וועמען דער גורל האָט פֿאַרמשפּט אָפּצולעבען זייערע יאָהרען אין אַ צושטאַנד וואָס קומט אויס פֿאַר דער דענקענדען מענש צו זיין אַסך ערגער ווי דער גוהנם אין זיין פֿאַרבענרייכסטער שילדערונג. ווי אַ מדבר-מיראַזש איז פֿאַר אונזערע אויגען פלוצלונג אויפֿגעטויכט דער גרויסער שעהנער דאָרף וואָס האָט זיך אויסגעצויגען אויף ביידע זייטען פֿון שאָסיי הינטער צוויי געדיכטע רייהען פֿון הויכע טאָפּאַליעס, מיט זיינע געשמאַקפֿול באַקוועם געבויטע ווייסע הייזער-ווילאַס איינגעזעצט ווי דימאַנטען אין גרויסע גוט געפֿלעגטע פֿרוכט און בלומען גאָרטענס, מיט זיין גרויסען שעהנעם קלויסטער וואָס וואָלט געווען אַ צירונג פֿאַר אַ מיטעל-גרויסע אויעזדנע שטאָדט און מיט אַ הערליכער פֿאַרבענפּרעכטיגער נאַטור פּאַנאָראַמאַ פֿון באַרג און טאָל און טייך רינגס אַרום. אַ דאָרף וואָס האָט מעהר דערמאָהנט אָן די גאָרטען-שטעדט פֿון מערב אייראָפּאַ ווי אָן אַ רוסישען דאָרף און וואָס איז אונז ערשינען ווי אַ פֿאַרווירקליכונג פֿון די צוקונפֿט חלומות מיט וועלכע מיר האָבען געלעבט און פֿאַר וועלכע מיר זיינען יעדען אויגענבליק געווען באַרייט צו פֿאַרגיסען אונזער לעצטען טראָפּען בלוט.

עס איז שוין געווען פֿאַרנאַכט און אַ ים פֿון ליכט האָט זיך צוגאָסען פֿון שפּיץ קלויסטער איבער די ווייסע הייזער, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי ווייסע פֿלעקען אויף דעם באַצויבערנדען דופֿטיגען טעפּיך, וואָס די נאַטור האָט ווי בכיוון אויסגעשפּרייט פֿאַר אונזערע מאַטע גלידער, און האָט באַרייכערט די פֿאַרבען-פּראַכט און די אידיליע פֿונם אָרט. די גאַס איז געווען באַלעבט פֿון גוט געקליידעטע קינדער און מיידלאַך, וועלכע די נייגער האָבען געטריבען צו באַטראַכטען די נייע אורחים, און אויף די גאַניקעס זיינען געזעסען די בעלי בתים און געזופּט טיי מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיגקייט און רוה.

אונזער אָטריאַד האָט פֿאַרשטאַנען אַז דאָ איז אַן אָרט וואו מען וועט זיך קאָנען גוט אויסרוהען אַ נאַכט און אַגב אויך גוט אָפּעסען, און חברה האָט זיך באַלד אַראָפּגעכאַפּט פֿון די פֿערד, וועלכע מען האָט באַזאָרגט מיט היי און וואַסער און צוגעבונדען צו די גראַטעס פֿון קלויסטער, און האָט זיך צערשטרייט איבערן דאָרף צו זוכען „גליק,“ ווי דער שטייגער איז. די סאָלדאַטען האָבען זיך געמאַכט „פּאַניע-בראַט,“ מיט די מיידלאַך און יונגע ווייבלאַך, און איבערן גאַס האָט זיך באַלד צעגאָסען אַ שטראָם פֿון יונגע, האַרציג-געזונטע געלעכטערס.

איך און מיין פֿריינד טעפּער זיינען געווען צופֿיעל איבעראַשט און באַצויבערט פֿון דאָרף און זיין נאַטור פּראַכט און האָבען זיך געראָזען איבערן גאַס מעהר באַוואונדערנדיג די „גן עדן סצענעריע“ ווי דענקענדיג וועגען „גליק.“

אָפּשטעלענדיג זיך פֿאַר אַ גאָרטען, וועמעס גוט געפֿלעגטע ביימער האָבען זיך געבויגען אונטער אַן אומגעוועהנליך שווערער לאַסט פֿון פֿרוכט, האָב איך פֿון דערווייטענס באַמערקט אַ פֿיגור אין אָרימע צעריסענע פּויערשע קליידער, וועלכע האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אויפֿן שאָסיי אין דער ריכטונג צו אונז צו.

די איינגעבויגענקייט פֿון דער פֿיגור און איהרע שלייכענדע ווי ניט זיכערע שריט האָבען געצויגען מיין אויפֿמערקזאַמקייט, און איך רופֿ זיך פלוצלונג אָפּ צו מיין פֿריינד:

„וואָס וועטסטו, טעפּער, אַז דאָרט געהט אַ איד?“

טעפּער האָט אַן אויגענבליק באַטראַכט די פֿיגור און האָט זיך צולאַכט.

„אפשר זיינען מיר גאָר ניט אין פּיאַדאָווקאַ, און דער קלויסטער דאָרט איז גאָר די באַרדיטשעווער גרויסע שול,“ האָט ער איראָניש באַמערקט.

איך האָב קיין נאָטיץ ניט גענומען פֿון טעפּערס איראָנישער באַמערקונג, ווייל וואָס די פֿיגור איז נאָהענטער צו אונז צוגעקומען איז מיין פֿאַרמוטונג ביי מיר אַלץ מעהר געוואָרען אַ געוויסהייט.

ווען די פֿיגור איז פֿאַר אונז פֿאַרבייגעגאַנגען, רופֿ איך זיך אָן בקול:

„אַ גוטען אָוועגט אייך, פֿעטער! איהר זענט אַ היגער?“

די פֿיגור איז אַווײלע שטעהן געבליבען, ווי איבעראַשט און צומישט, און האָט נאַכהער אָנגעפֿאַנגען צו שפּרייזען האַסטיגער.

„שרעקט זיך ניט; מיר זיינען אויך אידען!“ האָב איך איהר נאָכגעשריען.

די פֿיגור האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהענדיג נאָבהער צו מיר האָט זי אַרויפֿלעגענדיג איהר האַנד אויף מיין מויל שטיל און דערשראָקען געזאָגט:

„שאַ, שרייט ניט אַזוי! איך וויל ניט אַז זיי זאָלען וויסען“...

טעפּער און איך זיינען געבליבען שטעהען ווי צוגעשמידט און האָבען קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פֿון דעם אידישען מוזשיק און זיין אָרימער קליידונג, וועלכע, צוזאַמען מיט דעם טיפֿען טרויער וואָס איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין אויסגעמוטשעט פּנים, איז געווען ווי אַ שאַרפֿער קאָנטראַסט צו דער רייכער גליקזעליגקייט פֿון אַרום.

„איהר קוקט מיך אָן,“ האָט די פֿיגור אָנגעפֿאַנגען פֿאַרשטעהענדיג דעם שטום פֿרעגענדען שטוינען פֿון אונזערע פּנימער. „די מעשה איז אַ קורצע און אַ טרויעריגע. איך אַליין שטאַם פֿון דער אידישער קאָלאָניע ג...., אַ וויאָרסט צעהן פֿון דאַנען. געווען קאָלאָניסטען פֿון דורי דורות און זיך געלעבט בשלום. נו, זיינען געקומען די גליקליכע נייע צייטען. האָבען זיי צוערשט ביי אונז די ביסעל אָרימקייט אַוועקגענומען און נאַכהער האָט מען אונז אויסגעשחטען. די ביסעל וואָס זיינען געבליבען זיינען זיך צולאָפֿען און די אַרומיגע פּויערן האָבען זיך צוטיילט מיט אונזער ערד. אַ גוטער אַרבעטער בין איך, נו, האָב איך זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ חלאָפּ און איצט אַרבעט איך דאָ. מילא, אַבי עס איז דאָ צו עסען און מען איז זיכער מיטן לעבען...אָבער שאַ! זיי טאָרען דאָס ניט וויסען...עס איז אַ סברה רוצחים האָבען געהאַט אַ יד אין אונזער אונגליק.“

„זענט איהר דאָ אַליין?“ האָב איך געפֿרעגט.

„יאָ, גאַנץ אַליין, מעהר ווי זיך אַליין האָב איך איצט ניט, און עס טויג ניט אַז דאָ זאָלען זיין נאָך אידען. איהר פֿאַרשטעהט ?״...

מיר האָבען זיך אָפּגעזעגענט מיטן איד און האָבען זיך שטום צוריקגעקעהרט צום קלויסטער, וואו אונזערע פֿערד האָבען רוהיג געקייט זייער היי. די לעצטע שטראַהלען פֿון דער זון האָבען אונזערע אויגען געשטאָכען ווי מיט מעסערס און דער הילכיגער געלעכטער פֿון די מיידלאַך און ווייבלאַך האָט אין אונזערע אויערן געקלונגען ווי אַ טייפֿעלשע איראָניע אויף גאָט און די „שעהנע״ וועלט זיינע.

אין הימעל האָבען זיך אָנגעצונדען שטערענדלאַך, וועלכע האָבען שעלמיש-לסוטיג צו אונז געוואונקען, אָבער מיר האָבען קיין נאָטיץ ניט גענומען, און אויסציהענדיג זיך אויף אונזערע פלאַשטשעס אויפֿן גראָז זיינען מיר געלעגען און לאַנג געטראַכט, ענדלאָז ציעללאָז געטראַכט. אין מיינע אויערן האָבען הינטער איינאַנדער געקלונגען די שטילע אומעטיגע טענער פֿון דער תוכחה...

מיר זיינען געווען פֿראָה ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען און אונזער אָטריאַד האָט פֿאַרלאָזען דעם גן עדן התחתון וואָס מיר האָבען געמיינט אַז מיר האָבען דאָ געפֿונען... טעפער און איך זיינען געריטען שטום, אָהן אַ געדאַנק און אָהן אַ קללה...

# פֿאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ״.

—)::(—

**דער פֿאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ״ בעט אונז צו פֿאַרעפֿענטליכען דעם פֿאָלגענדען אויפֿרוף:**

ליבער חברים!—דער פֿאַרלאַג פֿון דעם אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטישען פֿאַרבאַנד „גאָלאָס טרודאַ״ (מאָסקווא און פּעטראָגראַד) האָט באַשלאָסען צוטרעטען צו דער אַרויסגאַבע, דאָ היע, פֿון אַ רייהע ביכער, וועלכע ער האָט שוין אַרויסגעגעבען אָדער וועלכע ער גיט איצט אַרויס אין רוסלאַנד, כדי צו באַפֿרידיגען דעם באַדאַרף אין אויסלאַנד פֿון אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. צוויי אומשטענדען האָבען אַרויסגערופֿען דיזע נויטווענדיגקייט: ערשטענס, דאָס וואָס עס איז זעהר שווער אַרויסצופֿיהרען דיזע ביכער פֿון רוסלאַנד, ווייל דער קאָמיסאַריאַט פֿאַרן אויסען-האַנדעל וויל דעם פֿאַרלאַג ניט געבען די נויטיגע ערלויבעניש, און צווייטענס, ווייל די צאָהל פֿון עקזעמפּלאַרען (10—20 טויזענד) וואָס ווערען איצט געדרוקט אין רוסלאַנד איז אַזוי קליין פֿאַר דעם באַדאַרף פֿון רוסלאַנד גופא אַז עס איז אונמעגליך צו עקספּאָרטירען קיין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ גענוג אויף צו באַפֿרידיגען דעם פֿאַדלאַנג פֿון דער דאָרטיגער רוסישער אַרבעטערשאַפֿט.

עס איז דערפֿאַר באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אין בערלין אַ אָפּטיילונג פֿון פֿאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ.״ די אָפּטיילונג האָט זיך פֿאַרשטענדיגט מיט דער דיישער סינדיקאַליסטישער אָרגאַניזאַציע (פֿרייע אַרבייטער אוניאָן דייטשלאַנדס) אַז זי זאָל איבערנעמען די טעכנישע זייט פֿון איבערדרוקען די פּובליקאַציעס פֿון „גאָלאָס טרודאַ״ און די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אין שייכות מיטן פֿאַרלאַג.

עס ווערט בעאַבזיכטיגט צו פֿאַרעפֿענטליכען צוערשט באַקונין׳ס וידוי מיט אַן אויספֿיהרליכער הקדמה און צאָהלרייכע ווערטפֿולע באַמערקונגען פֿון מ. נעטלוי. דאָס בוך וועט ענטהאַלטען איבער 200 זייטען. נאָכהער וועלען ערשיינען: קראָפּאָטקין׳ס זיטליכקייט און גערעכטיגקייט, די מאָדערנע וויסענשאַפֿט און דער אַנאַרכיזם, דיעטיק (זיין גרויס נאָך אונפֿאַרעפֿענטליכט ווערק) און זיינע אַנדערע שריפֿטען, וועלכע דער „גאָלאָס טרודאַ״ האָט אַרויסגעגעבען אין רוסלאַנד; באַקונין׳ס געקליבענע שריפֿטען אין 5 בענדער; מאַלאַטעסטאַ׳ס און עליזיי רעקליו׳ס שריפֿטען; פּוזשע און פּאַטאָ׳ס ווי מיר וועלען מאַכען די רעוואָלוציע (מיט קראָפּאָטקין׳ס הקדמה); דזשיימס גיליאָם׳ס אינטערנאַציאָנאַלען (אין 4 בענדער), קאַרל מאַרקס און דער אינטערנאַציאָנאַל.

אַזוי ווי די נידעריגע רוסישע וואַלוטע גיט ניט די מעגליכקייט אויסצוניצען די מיטלען פֿון פֿאַרבאַנד „גאָלאָס טרודאַ״ פֿאַר די אַרויסגאַבע פֿון אַנאַרכיסטישע און אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד זיינען מיר געצוואונגען צו זוכען סובסקריבענטען אויף דיזע פּובליקאַציעס. די גענאָסען וואָס וועלען איינצאָלען 5 דאָלאַר אָדער 50 פֿראַנק אָדער 20 שילינג באַקומען צו איין עקזעמפּלאַר פֿון דיזע ביכער (ביז די צוגעשיקטע סומע וועט ערשעפּט זיין) מיט אַ דריטעל ווענינער פֿון פֿאַרקויפֿספּרייז. אויף דיזע אופֿן וועט דער פֿאַרלאַג קאָנען אונאונטערבראָכען אָנגעהן מיט דער אַרבעט, און די סובסקריבענטען וועלען האָבען די ביכער פֿיעל ביליגער.

דער פֿאַרלאַג „גאָלאָס טרודאַ״ און „דער סינדיקאַליסט״ ווענדען זיך צו אַלע גענאָסען אין אויסלאַנד און מאַכען זיי אויפֿמערקזאַם אַז די אַרויסגאַבע פֿון רוסישע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד וועט ניט נאָר פֿאַרברייטען דעם באָדען פֿאַר די פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון אונ-

מיר גיבען דאָ איבער אַ רעכענונג פֿון די ערהאַלטענע און אויסגעגעבענע געלדער:

ליסטען 32, 34, 35, 36 געזאַמעלט

| | | | |
|---|---|---|---|
| ביי טאָבאָוויטש | £ 2 | 6 | 4 |
| ליסט 9 געזאַמעלט ביי קוקס | | 9 | 0 |
| „ 33 „ „ מאַרקס | 1 | 16 | 0 |
| „ 18 „ „ שניידערמאַן | | 11 | 6 |
| דאָניישיאָנס: געזאַמעלט פֿון טאָבאָוויטש | 2 | 0 | 0 |
| דורכן אַרב. פֿר. | | 9 | 0 |
| לאַזאַרעף, ראָטשעסטער | | 6 | 8 |
| ראָזעלאָווסקי, קאַרדיף | | 7 | 0 |
| | 8 | 6 | 6 |
| שוין קוויטירט אין אַרב. פֿר. | 26 | 9 | 11 |
| טאָטאַל | 34 | 16 | 5 |
| אויסגעגעבען ביז איצט | 23 | 16 | 3 |
| אין קאַסע | 11 | 0 | 2 |

מיר בעטען אַלע קאַמעראַדען באַשטעלונגען און געלד צו אַדרעסירען צו דער גרופּע אויף פֿאָלגענדער אַדרעס:

H. Potashnik, 163, Jubilee Street,
London, E. 1.

---

אַלע גענאָסען זיינען איינגעלאַדען צו קומען דיזען זונטאַג, 2טען יולי, אין קלוב, 62 פֿילדגייט סטריט, אום 8.30 אָבענדס צו אַ

## דיסקוסיאָן,

וואו גענאָסע י. אייזענסטאָן וועט ערעפֿענען אַ דיסקוסיע אויף דער טהעמאַ: „די וויכטיגקייט פֿון אָרגאַניזאַציאָן״.

קערפּער ווי אין אַ העפּטיגן פיבער, יענעם האָט די מורא אַזוי באַטויבט אַז ער איז גייסטיג שוין געווען טויט און האָט שטומפּזיניג און אינטערעסע לאָז, ווי ניט אים מיינט מען, אינגאונטערבראָכן פיקסירט זיין בליק אויפן „ווענטל", אַ דריטער האָט בויאַנעוועט און געשאָטן מיט אונמעכטיגע „טויטע" קללות, אַ פערטער האָט זיך דערמאָנט אַן דער היים, טאַטע-מאַמע, ווייב און קינדערלאַך, און האָט געגאָסן מיט טרערן אָדער געכליפּעט, אַ פינפטער איז געשטאַנען רואיג און געלאַסן און זיך געמאַכט זיין חשבון הנפש...

פלוצלונג איז ער אַרויסגעטראָטן פון דער שערענגע, אַ מיטלהויכער אָבער ברייטער און פעסטער בחור—אין אונזער אָטריאַד האָט מען אים גערופן שמשון הגבור,— און פאַרקאַשערנדיג די אַרבעל האָט ער זיך אָנגערופן צו די אַנדערע:

„חברים! שטאַרבן מוזן מיר דאָך סיי ווי סיי; אונזער גורל איז שוין געחתמעט; אָבער פאַרוואָס זאָל דאָס זיי אָנקומען אַזוי לייכט? זאָלן די הינט טייער באַצאָלן פאַר אונזערע לעבענס!"

ער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער און מיט אַ פלינקן שפרונג איז ער שוין געווען אין דעם רעדל הייַדאַמאַקעס, וועלכע האָבן זיך מכין געווען צו דער שטיקל „אַרבעט" און זיינען דערווייל געזעסן און געמיטלאַך געוויכערט און געטרונקען.

צוויי פון זיי האָט ער מיט די הענט דערשטיקט, אַ דריטן די לונגען אָפּגעשלאָגן, אַ פערטן די אויגן אַרויסגעריסן, אַ פינפטן אַן אויער אָפּגעביסן און אַזוי ווייטער, ביז ער איז געפאַלן צעהאַקט אויף שטיקלאַך פון די היידאַמאַצקע שאַשקעס.

די זיבעצן זיינען געבליבן ווי פאַרשטיינערט ריכטענדיג זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם מענטשן-קנויל וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין וויקלען זיך און קייקלען זיך, מיט ווילדע געשרייען און קללות אין קרעכצן.

ווען די „סוואַלקע" האָט זיך געענדיגט איז דער יונגער אָפיצירל פון די היידאַמאַקעס געשטאַנען און געדרעהט זיינע שוואַרצע לאַנגע וואָנצעס און קוקענדיג אויף דעם צעהאַקטן „שמשון הגבור" האָט ער זיך אָפּגערופן:

„אָט, אַ יידישע מאָרדע, אָבער אַ מאָלאָדיעץ"!..

———

·V

## ווען אַ וואָרעם קרימט זיך.

ער איז געלעגן איינער אַליין, אַ געפאַנגענער און שווער פאַרוואונדעטער, אויף אַ שטיק פעלד הינטערן וואָקזאַל.

די אויגן זיינען ביי אים געווען מיט בלוט פאַרלויפן; די ווינקלען פון זיין מויל האָבן זיך געצויגן צוויי שנורן פון טונקל-רויטע פאַרגליווערטע בלוט, און ער איז געלעגן איינזאַם און אַליין, אַליין מיט זיינע ברענענדע קערפּערלאַכע שמערצן, וועלכע פלעגן אים פון צייט צו צייט אויפדרעהען ווי אַ וואָרעם און אַליין מיט זיינע זעלישע יסורים וועלכע ווער ווייסט צו זיי זיינען ניט געווען נאָך פיל שאַרפער אין ברענענדער. זיינע בלוטיגע מוראדיגע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אין דער אונענדלאַכקייט: אפשר, אפשר וועט פון דאָרט קומען זיין רעטונג!..

אַ יונגער קאַזאַק איז פאַרבייגעגאַנגען פאָרענדיג און קנאַלענדיג מיט זיין נאַגאַיקע.

„שטעה אויף, זשיד!" האָט ער אַ געשריי געטאָן באַמערקענדיג דער פאַרוואונדעטן געפאַנגענעם און אים מכבד געווען מיט אַ העפּטיגן שמיץ פון זיין נאַגאַקע.

דער פאַרוואונדעטער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף און פּרובירט זיך אויפהעבן; ער איז אָבער גלייך צוריקגעפאַלן ווי אַ שטיק בליי.

„שטעה אויף, זאָג איך!" האָט דער קאָזאַק ווילד געשריען, באַגלייטענדיג דאָסמאָל דעם באַפעל מיט אַ העפטיגן זעץ אין פנים מיטן אָפּצאַס פון זיינע גראָבע אומגעלופּערטע שטיוול.

אַ שאַרפער שמערץ האָט דורכגעצוקט דעם קראַנקן שוין האַלב אָפּגעשטאָרבענעם קערפּער, וועלכער האָט זיך קאָנוואולסיוו צואַמענגעקאָרטשעט ווי אַ צערטראָטענער וואָרעם. די בלוט האָט ביי אים אַ זיד געטאָן און די שנאה, די טיף איינגעוואָרצעלטע שנאה פון דורות און די שאַרף עמפפונדענע פון איצט האָט געזוכט אַן אויסגאַנג. ער האָט אַ שפּיי געטאָן פול מיט גאַל און פאַראַכטונג אויסרופנדיג ווי ניט מיט זיין אייגענעם קול: „ניעגאָדיאַי"! און צוזאַמענגעמענדיג זיינע לעצטע כחות האָט ער זיך שנעל אַהויב געטאָן, אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָזאַק'ס האַנט און טיף איינגעגראָבן און איר זיינע שאַרפע האַס—ערפילטע ציינער...

ווען מען האָט דעם דערשראָקענעם צוספּוּשעטן קאָזאַק באַפרייט פון זיינע שרעקלאַכע ציין—אַן אַרבעט וועלכע איז ניט אָנגעקומען לייכט—איז ער שוין געווען טויט ווי אַ שטיין. ער האָט מיט זיין גאַל אויך זיין לעבן אויסגעשפּיען. אויף זיין טויטן געלן פנים איז אָבער געווען אויסגעגאָסן אַ צופרידענער שמייכל: ער האָט זיך נוקם געווען אָן זיין פיינגער און איז אויף אייביג, אייביג באַפרייט געוואָרן פון זיינע יסורים. ער האָט געזיגט...

---

ש. שוואַרצבאַרד.

72440

# פון מיין מלחמה טאַגבוך

.VI

## שמשון'ס טויט.

אַכצען זיינען זיי געווען. אַכצען אויסגעשטעלט אין איין לאַנגער שערענגע און וואַרטענדיג ביז זייער „אָטשערעד" וועט קומען אין דער באַפעל וועט געגעבן ווערן צו דערשיסן זיי...

זיי האָבן געוואוסט אַז זייער לעצטע שטונדע האָט געשלאָגן און שטעהענדיג אין פאַרשיידענע פאָזעס, לויט דעם איינדרוק וואָס דאָס ראָזיגע באַוואוסטזיין האָט אויף יעדעם איינעם פון זיי געמאַכט, איז יעדערער פון זיי געווען פאַרנומען מיט זיך: דער האָט געציטערט פאַר דעם קומענדן מאָמענט און זיך געטרייסעלט אין גאַנצן

# די ענטשטעהונג פון אונזער ארגאַניזאַציע.

ווערטער חבר רעדאַקטאָר!

איך האָף אַז איר וועט מיר ערלויבן אַ ווינקל אין „אַרב. פר.“ זיך אַ ביסל דורכרעדן מיט די גענאָסן וועגן די לעצטע געשעהעענישן אין אינזער באַוועגונג. טראָצדעם וואָס דער פלאַץ איז באַשרענקט גלויב איך מוז דער פאַל גרינדלאַך באַשפראָכן ווערן און דאָס וועט ברענגען נוצען צו אונזער באַוועגונג. די גענאָסן וועלכע זיינען ווייט אַוועק פון אונז אָבער אינטערעסירן זיך מיט אונזער אַרבעט דאַרפן זיך באַקענען מיט די אומשטענדן וועלכע האָבן געפירט צו דעם איבערבייט, וועלכן איר רעדט אין אייער אַרטיקל וועגן אָרגאַניזאַציע.

בשעה דער „אַרב. פר.“ האָט ווידער אָנגעהויבן צו ערשיינען, אין אַפּריל 1920, האָבן מיר קיין אָרגאַניזירטע באַוועגונג, ווי צב״ש אונטער אַ פעדעראַציע פון גרופן אָדער אַזוי מיט אַ וועלכע עס איז פאַרטרעטערשאַפט ניט געהאַט. עס עקזיסטירט אַ קליינע גרופקעלע פון אַ הייפל מענשן, אַ מין זכר למקדש, מיט אַ סעקרעטאַר וועלכער איז אייגענטלאַך דער גאַנצער בעל הבית און פירט אַלץ ווי ער געפינט אַם בעסטן. די איבעריגע אַנאַרכיסטן זיינען פרייע פויגל און טראָגן אויף זיך קיין יאָך ניט; זיי געהערן ניט צו קיין גרופע און האָבן קיינע פאַרפליכטונגען. בלויז מיט אַ 10 מאָנאַט צוריק, צוליב מאַטעריעלע סבות, זעהט זיך דער סעקרעטאַר און מענעדזשער געצוואונגען צו רופן אַ קאָנפערענץ מכח דער לאַגע פון „אַרב. פר.“, וואו ער שלאָגט פאָר אַז די צייטונג זאָל ערשיינען בלויז איינמאָל אַנשטאָט צוויי מאָל אַ חודש. מערקווירדיגערווייזע ווערט דאַן אָנגענומען אַ געראדע ענטגעגענגעזעצטער באַשלוס, ד״ה אַז אין 8 וואָכן שפעטער זאָל דער „אַרב. פר.“ ערשיינען וועכענטלאַך. דער דעפיציט באַטרעפט דאַמאָלס אַ הונדערט פונט, און די פאַרזאַמעלטע דעקן אים, טיילווייז דורך הלואות. די קאָנפערענץ פאַרוואַנדעלט זיך פון אַ צופעליגער אין אַ מאָנאַטלאַכער.

נאָך אַן 8 וועכענטלאַכע ערשיינונג פון „אַרב. פר.“ איז דער סעקרעטאַר און מענעדזשער ווידער אין אַ פיקס, איצט שוין מיט אַ דעפיציט פון 200 פונט. דאָ קומט דער קאָנפערענץ און שטעלט דעם „אַרב. פר.“ ווידער אָפּ אויף צוויי-וועכענטלאַך און עפענט אַ 200 פונט פאָנד אויף אָפּמעקן דעם דעפיציט. די נייע פונטן אָבער שמעלצן צוזאַמען מיט די אַלטע און אין מאַי איז דער דעפיציט שוין 260 פונט. דאָ קומט די גרופע „אַרב. פר.“, געפירט פון דעם סעקרעטאַר ביי די הערנער, און באַשליסט ווייטער אַרויסצוגעבן דעם „אַרב. פר.“ מאָנאַטלאַך.

אין דיזן מאָמענט פאַסירט אָבער עפּעס אינערו אַרטעטעס. אַ גרופע פון חברים, ביי וועמען דער „אַרב. פר.“ איז אַ טייל פון זייער נשמה וועלכע זוכן אַרויסצוברענגען אונזער אידעאַל אין די ברייטע עפענטלאַכקייט און מחוץ די פיר ווענט פון אַ גרופן מיטינג, רעדן זיך, ווי אינסטינקטיוו צוזאַמען און באַשליסן צו טרעפן זיך דעם ערשטן מאַי און באַהאַנדלען די פראַגע. מיר קומען צו אַ שלוס אַז אונזער אָרגאַן דאַרף ערשיינען אַמווייניגסטן צוויי וועכענטלאַך און אַ נומער זאָל ניט קאָסטן מער וויפיל אַ פריוואַט אונטערנעמער וואָלט דערפאַר גערעכענט; די אַרבעט פון בוכפירונג קאָרעספאָנדענץ, עקספּעדיציע או״וו זאָל געטאָן ווערן פון גענאָסן פרייוויליג. די באַראַטונגען טראָגן אין זיך קיין שום פּערזענליכקייט ניט, עס ווערט בלויז באַדויערט וואָס די זאַך איז פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן און עס איז געקומען צו אַזאַ מצב. מיר געהען זיך פונאַנדער מיט דעם פעסטן ווילן ניט צו דערלאָזן אַז אונזער באַוועגונג זאָל אין גאַנצן אָפּשטאַרבן. אַלע זענען מיר איינשטימיג ערענסט אויסצופירן די פרייוויליגע אַרבעט, וואָס וועט יעדערן אויסקומען צו טאָן.

אויף דעם גיט באַזוכטער קאָנפערענץ קומט עס צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די „פאַרטיידיגער פון דער אַלטער אָרדנונג“ און די וואָס זוכן נייע וועגן. די בולאַווע איז אַ זאַך וואָס קיינער לאָזט ניט גערן אַרויס פון האַנט, די וואָס לעבן מיט אינטריגעס העלפן נאַטירלאַך צו גיסן אויל אויפן פייער. אָבער די פאַרזאַמעלטע זעהען איין וואָס דאָ טוט זיך און דער סוף איז אַז אַ פאַרוואַלטונגס ראַט ווערט געוועלט צו פּאַנירן די פינאַנציעלע לאַגע און טאָן פרייוויליג די אַרבעט פון פאַרוואַלטונג או״וו, וועלכע איז ביז איצט ניט גאַנץ צופרידענשטעלענד הגם זעהר טייער געטאָן געוואָרן. עס ווערן דעם פאַרוואַלטונגס ראַט צוערשט שטיינער געלעגט אין וועג און ער זעהט זיך גענויטיגט אַוועקצולעגן די אַרבעט, אָבער ביסלאַכווייז, און באַזונדערס ווייל די אַלטע פאַרוואַלטונג איז ניט פעאיג צו ראַטעווען די פינאַנציעלע סיטואַציע און פאַרלאַנגט אַז דער „אַרב. פר.“ זאָל באַגעהן זעלבסטמאָרד, ווערט דער וועג געבאַנט פאַר אַ רעאָרגאַניזאַציע פון די כחות אין דער פאָרמע פון אַ ברייטער אָרגאַניזאַציע וועלכע נעמט אַרום אַלע גענאָסן אָנצייגענדיג יעדן זיין אָרט און זיין טעטיגקייט און אַ פאַרוואַלטונג וועלכע האָט אין דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ

י. דעמסקי, ה. גרושקין, י. וואָלטערמאַן, צוזאַמען £4. 17. 0.

זעקסטע וואָך 22-9-23. צו 5ש: געבר. זיס; צו 2ש. 6פ: ד״ר זאַלקינד; צו 2ש. עסקאָוו; צו 1ש. פּויל, מ. וויינער, י. וואולריטש; צו 6פ.: פיעל, אַ. ראָטבאַרט, ד. לאַזאַרעוויטש. צוזאַמען 14ש.

פאַר סעפּטעמבער: לובעלסקי 10ש.; פאַר סעפּטעמבער—דעצעמבער: י. ברוסט 40ש., וו. שאַפּיראָ 42ש. צוזאַמען £4 12. 0.

באַמערקונג: צוליב דער אָפּוועזענהייט פון ד״ר זאַלקינד אין דיזער וואָך זיינען דאָ בלויז קוויטירט די געלדער וואָס ער האָט ערהאַלטן ביז צום 21סטן. די געלדער וואָס ווערן קוויטירט אין זיין אָפּוועזענהייט וועלן קוויטירט ווערן אין דער נעקסטער נימער.

Set by the Workers Friend Printing and Publishing Association, 163, Jubilee Street, E.1, Machined by the Gib. Press, 138, Brick Lane E.1, for the Workers Friend Printing and Publishing Association.

72442

# די אינטערנאציאנאלע דיוויזיע

II

(פארטזעצונג)

א חוץ דעם רעוואלוציאנערען אטראד פון באטקא מאכנא וואס איז באשטאנען פון אנארכיסטען, מאקסימאליסטען און לינקע סאציאליסטען רעוואלוציאנערען; וועלכע האבען ניט געוואלט הערען פון דעם דעקרעט פון מאסקווא און אנגעגאנגען מיט זייער רעוואלוציאנערע ליכטיגקייט אויף דעם דעניקעווסקע פראנט וועלכער האט שוין אין יענער צייט פארכאפט דעם דאן און זיך גערוקט אויף אוקראינע, די אלע אנדערע פארטיזאנישע אטראדען זענען ווילענדיג ניט ווילענדיג צוזאמענגעשמאלצען געווארען אין באטאליאנען פאלקען, דיוויזיעס און אזוי ווייטער ביז סע איז פון זיי ענטשטאנען די אוקראינער 12־טע ארמעע וואס האט געהאט צו קעמפען מיט פעטליורען, דעניקינען און די אלע באנדעס פון אינערן פראנט ווי: זעלאני, סטרוג, סאקאלאווסקי, פאפאוו און אנדערע, איבערבלייבעכצען פון גריגאריעווס ארמעע (גריגאריעווען אליין האט מאכנא דערשאסען אויף א צוזאמענפאר פון אלע קאנטער־רעוואלוציאנערע אטראדען ווי מען האט געוואלט ארייגשלעפען מאכנא'ן).

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז ערשט אין מיטן יוני דעם זעלבען יאר געגרינדעט געווארען אין קיעוו און אדעס גלייכצייטיג די אינטערנאציאנאלע דיוויזיעס. די אדעסער אינטערדיוויזיע האט ארונטערגענומען אונטער אירע פליגעל די אידישע זעלבסטשוץ אטראדען, דעם באריםטען אטראד „ספארטאקוס“, איינינגע בעסאראביער אטראדען און א קליינעם אטראד כינעזער.

דער ערשטער פאלק פון דער אונטער־דיוויזיע וואס איז באשטאנען פון דריי באטאליאנען און וואס יעדער באטאליאן איז באשטאנען נישט מער ווי דריי ראטעס, זענען דעם 5־טען יולי אפגעפארען אויף עשאלאנען מיט האק און פאק פון אדעס אויף קיעווער ליניע, און ווי זיי זענען אנגעקומען נאך טשערקאס דעם 8־טען יולי מיט א פארלוסט פון א פאר רומענער וועלכע האבען פון אונפארזיכטיגקייט זיך שפילענדיג מיט גראנאדען אויפגעריסען דעם וואגאן און באצאלט מיטן לעבען...

## II

קאניעוו (קיעווער גובערניע)

די ערשטע פאר טעג, ביז מען האט זיך געקענט איינארדנען, אין די פוסט־פארלאזענע טשערקאסער קאזארמעס, וואס האבען זיך געפונען אויסערן שטאט, און מיט פאראד באערדיגט די ערשטע קרבנות פון אומפארזיכטיגקייט, וואס דער ערשטער אינטערנאציאנאלער פאלק, האט געבראכט קיין טשערקאס, איז איינגעפאלען דעם קאמאנדיר פון פאלק, אסטודענט און אפיציר פון קערענסקים צייטען — מאכן א סמאטרע מיט אלע פיטשיווקעס, ווי גאר אין די אלטע „גוטע“ צייטען. דערביי איז געהאלטען געווארען „ריידים“ מיט לויבגעזאנגען צו די געפאלענע העלדן פאר די רעוואלוציע, נאר די סאלדאטען וועלכע זיינען נעשטאנען די גאנצע צייט, מיד און אויסגעמאטערט פון מארשירען, האבען דאס אלעם ניט פארנומען און געטראכט: ווי וועט מען שוין די קאזארמעס, מען זאל זיך קענען אפרוען? אבער, דעם זעלבען טאג איז געקומען א טעלעגראמע פון קאניווער סאוויעט, (60 וויארסט פון טשערקאס מיטן דניעפער) „די באנדע רויפער אונטער דער אנפירונג פון זשעלאני האבען זיך צעבאלעבאטעוועט אין דער אומגעגענד און קלייבען זיך קומען אין שטאט. שיקט צו פארשטארקונג מיר נויטיגען זיך אין הילף!“

די נייעס האט באקומען דער טשערקאסער סאוויעט און איבערגעגעבען דעם אינט. פאלק; גלייך איז באשטימט געווארען: אז דער ערשטער באטאליאן זאל פארען כדי צו פארשטארקען דעם קאניעווער סאוויעט. נאך דעם זעלבען אווענט, האט זיך דער ערשטער באטאליאן אנגעגרוזירט אויף א שיף און מיט מוזיק אפגעפארען קיין קאניעוו, מיטן טאג צונלייך צוגעשיפט צום ברעג פון שטאט. ווען מען איז שוין אריין אין שטאט האט מען זיך דערפארען, דאס די „גרינע“ (זשעלאנדיץ), זיינען אוועק באצייטענס, און האבען גאר קיין חשק ניט געהאט זיך צו באגעגענען מיטן ערשטען באטאליאן פון דער אינט. דיוויזיע.

נאר אזוי ווי דער סאוויעט האט געבראכט דעם באטאליאן אויף איינצושטילען אבאנדע קאנטרא־רעוואלוציאנערען, און אזוי ווי יענע זיינען באצייטענס אוועק, איז דער סאוויעט געווען שטארק באזארגט אויסצוגעפונען אן ארבייט פאר דעם באטאליאן.

די ארבייט איז באשטאנען אין דעם, וואס דער סאוויעט האט געוואלט פטיר ווערען פוי דעם פויערישען קאמוניסטישען אטריאד, וועלכער האט די גאנצע צייט, ניט מיט ווינציג מסירות נפש פארטיידיגט, דעם שטאטישען סאוויעט נעגען אלע באנדעס וואס זיינען אנגעפאלען, און ניט געקריגען אויף געגוג אפצועסען, פון קליידונג איז אפגערעט, אזוי אז די נאאיווע

...צו פארשטעהן; געפעהרליך, ווייל דיזער פראצעס דרעהט איבער קאפויר די נאטירליכע ארדנונג לויט וועלכער דיזע פארשידענע פונקציעס פון מוח דארפען קומען.

דאס איז א קאנסעקווענץ וואס מען דארף תמיד באפירכטען אין דער דאגמאטישער מעטאדע. איינס פון די ביידע: ענטוועדער קומט דאס קינד קיינמאל ניט דערצו צו פארשטעהן דאס וואס עס האט געלערנט אויסענווייניג, ווארט ביי ווארט און אהן דעמאנסטראציעס, אדער ווען עס קומט שוין יא צו פארשטעהן דאס וואס עס האט פריהער מעכאניש געלערנט ברענגט עס א מישמאש אין די פונקציעס פון געהירן, וואו דער שכל באקומט פון זכרון דאס וואס דער זכרון האט געדארפט פון איהם באקומען.

אין ערשטען פאל איז דער אונטערריכט א מין דרעסירען פאפאגייען אהן פעדערן וואס געהען אין די שולע צו זאגען א געוויסע צאהל פון אונפארשטענדליכע פראזען; אין צווייטען פאל מיינט עס ענטוויקלען דעם זכרון אויפן חשבון פון שכל און אריינברענגען אין די אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען אן ארדנונג וואס איז העכסט שעדליך פאר דאס הארמאנישע גלייכגעוויכט פון דיזע פונקציעס און פאר די ענטוויקלונג פון דעם דענקענדען טייל פונם געהירן.

## „פאפאגייאיזם"

איך האב באמערקט אז א קינד וואס זיין זכרון איז מעהר ענטוויקעלט ווי זיין שכל וועט גלייך ענטפערן אויף אלע איהם בעקאנטע פראגען, אבער בלויז ווען דיזע פראגען זיינען געשטעלט אין די אויסדריקע, וואס זיינען איהם בעקאנט. פארמולירט איר אבער דיזעלבע פראגען אין אנדערע אויסדריקע פיהרט איהר איהם גלייך אראפ פון וועג. שטעלט איהר די פראגע אין דער איהם בעקאנטער פארם, ענשטעהט אן אויטאמאטישע באוועגונג, ווי פון א שפרוזינע, און דער זכרון אפערירט מעכאניש און רופט ארויס דעם ענטפער אהן צו דענקען, דורך געוואהנהייט, ווי דער אנהויב פון א פאלקסטימליכען רעפרען רופט מאמענטאן ארויס דעם סוף. אין דעם מאמענט אבער וואס איהר ענדערט נאר די פארם,

נעמען.

איך ווער איינפאך אויסער זיך, ווען איך דערמאהן זיך אז אין פיעל פיעל שולען ווערט געשיכטע אויף אויסענווייניג געלערנט, און דאס קינד ווערט אויפגעפאדערט צו לייענען א זייטעל וועגען קארל דעם גרויסען, אזוי ווי דאס וואלט געווען א פאבעל פון לאפאנטען.

דינאסטיעס מיט זייערע פארצווייגונגען אין עלטערע און יונגערע ליניעס, דער טויט פון דעם און דעם קעניג, קריעגס ערקלערונגען און פריעדענס אפמאכען, די גענויע דאטע פון דעם און דעם זיעג אדער פון דער און דער מפלה, דאס זיינען אלץ טרוקענע, ווילדע זאכען, וועלכע מיינען גאר ניט פאר דאס קינד און אפעלירען ניט צו זיין שכל ניט צו זיין הארץ. און אז ער ווייסט שוין אפילו גענוי די אדער יענע עפיזאדע פון העכרי דעם פיערטען צו פון לואווי דעם זעכצעמנטען, וועט ער דאך דאס באלד פארגעסען. און אז ער זאל שוין האלטען דאס פעסט אין זכרון, וואס פאר א נוצען וועט ער דערפון האבען?

די געשיכטע, דיזע וואונדערבארע און לייךענשאפטליכע דראמע, וועלכע נעהמט ארום די גאנצע פארגאנגענהייט, וואו אלע אפגעשטארבענע דורות האבען זיך באוועגט, דיזע גראנדיעזע עפאפעע פון דער מענשהייט וועלכע מארשירט לאנגזאם און שמערצהאפט פון דער פינסטערער אונוויסענהייט פון אונזערע אבות צו ליכט און וויסען, פון עלענדער בארבאריי צו געבענשטער ציוויליזאציע, האט געדארפט און געקאנט פארכאפען ביז צום העכסטען גראד. די פאנטאזיע און דעם שכל פון קינד, ווען מען וואלט זי ניט אונטעררריכטעט אין אן אופן וואס איז אזוי לעכערליך און אפשטויסענד, אז די געשיכטסשטונדע קאן אויפן בעסטען אופן דאס קינד ניט מעהר ווי לאנגווייל́ען.

אנדערש וואלט אבער געווען, ווען מען וואלט געווארט ביז דער שילער האט ערגרייכט אן עלטער, ווען ער קאן באגרייפען דעם ענגען צוזאמענהאנג פון די פאקטען, וועלכע דעטערמינירען איינער דעם אנדערען אין דעם לויף פון יאהרהונדערטער דא אלס אורזאך און דארט אלס רעזולטאט, ווען מאנכע מאל ביידע צוזאמען, און

---

פויערישע קאמוניסטען האבען אזוי לאנג געליטען ביז... זיי האבען גענומען פארדינען בעסערע שפייז און קליידונג, און וואס דער סאוועט האט זיי צוגעזאגט און צוגעזאגט, און אמענדע באפוילען דעם באטאליאן, זיי צו אנטוואפענען, אויב זיי וועלען ניט וועלען מיט גוטען, אויסשיסען!

צום גליק האבען די פויערים ניט געגעבען קיין ווידערשטאנד, זיי האבען זיך נאכדעם אנגעשלאסען אין דעם באטאליאן, זיי האבען געקעמפט ווי בראווע רעוואלוציאנערען ביז ענדע.

דער באטאליאן וואס האט אבגעטוען אט דאס א שווערע שטיקעל ארבייט אנטוואפענענדיג די פויערישע קאמוניסטען, האבען זיי געפאקט צוויי האזען מיט איין שאס.

זיי אנטוואפענט און געווינען זיי אויף זייער זייט, האבען זיי זיך געמאטערט אין די פראוויזאריש אויפגעשטעלטע באריקאדען, אויסן שטאט, וואס די דייטש־עסטרייכישע אקופאנטען האב־

(פארטזעצונג אויף דער 7־טער זייט)

72443

# די אינטערנאציאנאלע דיוויזיע

(פארטזעצונג פון דער 4־טער זייט)

בען אויפגעשטעלט אין צייט פון העטמאן סקאראפאטסקי: אלס זעלבסשטענדיגער אטריאד, האט ער זיך נאכאמאל פארמירט, אנפאנגענדיג פון אנדערע, צו דעם צוועק האט דער שטאב באשטימט דעם קאמאנדיר־שטיינער, אסטודענט און אפיציר ביי קערענסקיס רעגירונג אלס קאמאנדיר פונם אטריאד. דער פאליטישער געהילפס־קאמיסאר וואס איז באשטימט געווארען פון טשערקאס צום באטאליאן אלס פאליטישער קאמיסאר, און די קאמפאניע פון „רומענער" האבען באשטימט אן אייגענעם קאמיסאר. חוץ דעם, האבען זיך געפונען אקליינער אטריאד ביינעזער, א גרופע פרייווילינגע, וואס איז באשטאנען מיינסטענס פון לינקע „פועלי־ציון", קאמוניסטען און אנארכיסטען. דער פויערישער קאמוניסטישער אטריאד וועלכער איז שוין פון פריער צוגעקומען אין קאניעוו גופא.

אין א פארטאג, נאך דער באשטימונג און איינארדנען דעם אטריאד אלס זעלבסטשטענדיגען, אין די אויבענדערמאנטע באראקען, זיינען צוגעפארען מיט א אויטאמאביל צוויי מאטראזען מיט אן אלטע פויערטע און זיך געלאזט צום שטאב און ארויסגעהייסען דעם גאנצען פערסאנאל, און באפוילען די סאלדאטען זיך אויסשטעלען אין א רייע פון צוויי לאנגע שרענגעס, דערביי זיינען די מאטראזען און דער שטאב און די פויערטע ארומגעגאנגען און יעדען סאלדאט שארף באטראכט און יעדעס מאל נעפרעגט די פויערטע: דערקענסט? די פויערטע אבער איז צעמישט געווארען און איבערגע׳חזר׳ט: „איך ווייס ניט, די פלימעניצע ווייסט..." די מאטראזען האבען זיך אויסגעבייזערט אויף דער אלטער, נעכאפט אויף גיך דעם אויטאמאביל און פארשווינדען. די סאלדאטען האט מען באפוילען: שטיין בלייבען! ביז א נייעם ארדער: אין א ווײלע ארום זיינען צוריקגעקומען די זעלבע מאטראזען, מיט א קליין מיידעלע פון א יאר אכט אדער צעהן, און ווידעראמאל ארומגעגאנגען די שרענגעס און גוט באטראכט יעדען פון קאפ ביז פיס און זיך אפגעשטעלט ביי איינעם און א זאג געטון: דער! דעם סאלדאט ארויסגענומען פון די רייע און אריינגעפירט אין שטאב, דארט האט מען זיך דערוואוסט, אז דער סאלדאט מיט נאך צוויי, אלע פון דער „רומענישער" ראטע, זיינען דעם זעלבען טאג אריינגעגאנגען צו דער פויערטע, און אויף אן אנווייזונג פון שכנים דאס ביי איר געפינען זיך פעטליורסקי אפיצירן, אנשטאט צו געפינען די אפיצירן, האבען זיי געפונען אפיצירסקע קליידער. דער שטאב וואלט זיך מיט דער אנגעלעגענהייט ווייניג וואס אינטערעסירט, אזוי ווי אבער די מאטראזען האבען זיך דערויף געשטעלט, האט ער געפרעגט זייער מיינונג; זיינען זיי אבער געווען שיכור, און האבען גענומען זאגען מיסור די סאלדאטען, דערמיט האט זיך די געשיכטע געענדיגט.

עטליכע שעה נאכדעם פארפאל איז געקומען דער פאליטישער קאמיסאר פון די „רומענער" אויסהערענדיג די געשיכטע, האט ער צונויפגענומען זיין ראטע און פאר זיי געהאלטען א „רעדע" אין רומעניש, אם ענדע האט ער געענדיגט מיט א געשריי: וואס ווילט איר, ווערען ווילט איר: מיך צו זיין?' איך וויל ניט זיין מיט גנבים! זאגט וואס ווילט איר? דערשיסען? אלע סאלדאטען מיט אמאל האבען אויסגעשריען: זיי, זיי, זיי!

באלד גענומען די צוויי אנטיילנעמער, (דער דריטער איז ניט געווען אנוועזענד), זיי צוגעפירט צום פארקאן, עטליכע האבען גענומען גראבען גריבער, בעת אנדערע האבען זיך נעפארקעט מיט די אויף טויט דערשראקענע סאלדאטען אין זיי אויסגעטון נאקעט, און מיט די פראקלאדען; זיי אויפגעמונטערט יעדעס מאל ווען זיי האבען פארלוירען דאס באוואוסטזיין, איינער איז געבליבען לעבען אין א באוואוסטלאזען צושטאנד, האט נעקריגען 2 קוילען, ביז דער דאקטאר מיטן קאמענדאנט האבען באפוילען אים צו שענקען נאך א פאר קוילען און ביידען דער׳הרג׳ט.

אין א היבשע צייט ארום נאך דעם פאטאלען

די גרופע, האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו באקענען די ברייטע אידישע מאסען, מיט די באלשעוויסטישע גרוילטאטען. אלס ערשטער דאקומענט האבען זיי ארויסגעגעבען די בראשור, דערנאך וועלען קומען א רייע אנדערע, איבער דער מאכנא באוועגונג א. א. עס איז דער חוב פון אלע חברים איבערן גאנצען לאנד, די בראשור צו פארשפרייטען וואס מעהר. די בראשור פארטיילט זיך געגצליך אומזיסט. די וואס ווילען זי פארשפרייטען קענען זיך ווענדען אויפן נאמען פון דער גרופע, פערו 1537.

---

## "RUSIA TRAGICA"

איז דער נאמען פונם מאנאטליכען ביולעטין, וואס די גרופע צו אונטערשטיצען די רוסישע אנארכיסטישע באוועגונג גיט ארויס. דער נומער 2 מאכט א זעהר גוטען איינדרוק, עס איז קענטיג אז די חברים פארשטעהן גוט זייער אויפגאבע. אינם נומער קומען אריין ארטיקלען וועגען דער יעצטיגער לאגע אין רוסלאנד, נייעס פון רוסלאנד, א באריכט פון דער פראטעסט באוועגונג פון אייראפא געגען די רוסישע מאכטהאבער, און א גאנצע רייע וויכטיגע נאטיצען פונם יעצטיגען מאמענט. עס איז כדאי צו דערמאנען אלע חברים אז דער ביולעטין, ווערט פארטיילט אומזיסט, די אויסגאבען ווערען צוזאמענגענומען פון פרייוויליגעביישטייערונגען, און עס איז דער חוב פון יעדען רעוואלוציאנער צו העלפען די חברים אין זייער ארבייט. ביישטייערונגען קענען געשיקט ווערען צו דער אדמיניסטראציע פון דער „פרייהייטס שטימע".

---

## באלאנס צוגעשטעלט פון פריערדיגער פערוואלטונג ביז איר לעצטען פעריאד

איינגאמע ביז דעם 15־טען אפריל:

| | |
|---|---|
| פון פאריגען מאנאט | $ 34.25 |
| חוב פון ריפע | „ 51.50 |
| פון פארקויפטע צייטונגען | „ 8.60 |
| ענגעלבערג פון „קארדאבא" | „ 5.00 |
| ארעלאוויטש פון „ראסאריא" | „ 5.00 |
| גינים, אבאנענט | „ 1.20 |
| טאטאל איינקינפטע | $ 105.55 |

| | |
|---|---|
| טאטאל איינקינפטע | „ 125.85 |
| איבערגעגעבען דעם ניי ערוועהלטען פערוואלטער | $ 5.45 |

## באלאנס פון דער פ. ש. ביז דעם 15-טען יוני 1924

איינטיילונג פון אויסגאבען:

| | |
|---|---|
| גאמא טינט, פענעס, פאפיר | $ 1.40 |
| עסטאמפיזשעס פאר פארזאמלונג | „ 5.40 |
| עקספעדיציע | „ 13.25 |
| מאניפעסט צום גענעראל שטרייק | „ 9.00 |
| בלאק פאפיר און קאנווערטען | „ 0.90 |
| גאסטעס טראנוויע | „ 1.60 |
| דרוק „פ. שטימע" נומער 9 | „ 100.00 |
| טאטאל אויסגאבען | $ 131.55 |

איינטיילונג פון איינקונפט:

| | |
|---|---|
| פון שלום אין פאריז | $ 3.00 |
| פון חבר פעקער פאר אבאנענטען | „ 3.80 |
| פארקויפט צייטונגען | „ 33.85 |
| געליהען ביים „קאמיטע פון טויזענט פעזאסדיגען פאנד" | „ 50.00 |
| געליהען ביים ח' מ. אורינאווסקי | „ 20.00 |
| פון פאריגען מאנאט איבערגענומען ביים פריהעריגען פערוואלטער | „ 5.45 |
| טאטאל איינקונפט | $ 116.10 |
| טאטאל אויסגאבען | „ 131.55 |
| בלייבט דעפיציט | $ 15.45 |

---

## בריעף קאסטען

ענגעלבערג: — אייער ארטיקעל ווערט ניט פארעפענטליכט צוליעב דעם וואס ס'איז שוין פארביי די צייט פאר דער פראגע. שיקט צו עפעס אקטועלעס.

שלום, פאריז: — וואס הערט מען ניט פון אייך אזא צייט? פארוואס שיקט איר ניט צו די איבעריגע קאפיטלען? איינגיכען וועלען מיר אייך שרייבען וועגען אונזעריגע דא.

שלום.

2444

# די אינטערנאציאנאלע דיוויזיע

## דער צווייטער צוזאמענטרעף...

שוין נאך דעם ערשטען אומגעלונגענעם צוזאמענשטויס און נאך דער ביטע־רער ערפאהרונג וואס האט געקאסט אזוי פיעל אומזיסטיגע מענשליכע לעבענס, האט ניט אפגעהאלטען די פיהרער, וואס האבען געשטרעבט צו שפילען ווי גרויסע גענעראלען, מאכען נאך עקספערימענטען און שטעלען אין קאן די לעבענס פון זייערע סאלדאטען; און אום ניט צו האבען דעם זעלבען סוף פון ערשטען מאל, האבען זיי מאביליזירט פרישע כחות. דער ערשטער טשערניגאווער פאלק, דער צווייטער פאלק פון דער נײנטער דעוויזיע און דער ערשטער לעגימסקער פאלק האבען זיך געטראפען ביי דער סטאנציע ברעסמינאווסקע, וואו זיי האבען געוואלט אפשניידען דעם וועג פון אלע באנדעס, וואס האבען „געארבייט" אין קיעווער, פאלטאווער גובערניעס און זיך צוגעאיילט צוזאמענצושמעלצען מיט די פעטליורעווסקע אטראדען פון פאראל, ושמערינקא, וויניצע, קאזאטין.

צו דעם צוועק האט מען אונטערגעטריבען דעם שוין עקספערימענטירטען אטראד ארומצורינגלען די באנדעס וואס זענען געקומען פון אומאן אויפן וועג צו חרעסטינאווקע. נאר דא האט זיך פון איין זייט צוגערוקט די פעטליורעוועס און די בעסטע קרעפטען פון די דערמאנטע פאלקען האבען זיך געמוזט שטעלען אין אנגריף דערמיט ניט צו געבען זיי די געלעגענהייט זיך צו פאראייניגען מיט די אנדערע באנדעס. פון דער צווייטער זייט האבען די אונגארישע הוזארען און די פיכאטע פון דעם קאניווער אטראד געדרוקט די באנדעס און זיי געטריבען צו חריסטינאווקע אזוי אז ווילענדיג ניט ווילענדיג האט מען זיך דארט געמוזט צוזאמענטרעפען אויף א ענטשיידענער שלאכט וואס זאל איינס פון די ביידע: אדער גענצליך צושלאגען די באנדעס אז זיי זאלען שוין מער ניט קענען דעם קאפ אויפהויבען געגען די סאוועטען אדער — און דאס איז געווען דאס ערגסטע — זיי סוף כל סוף עפענען דעם וועג און גיבען א פרייע געלעגענהייט זיך צו פאראייניגען מיט פעטליורעס באנדעס און לאזען אוקראינע אין זייערע הענט...

דאס איז פארגעקומען אונגעפער אין מיטען פון מאנאט אויגוסט 1919 און א 8 טאג נאך דעם ערשטען צוזאמענטרעף. אין א שענעם העלען טאג דער קאניווער אטראד האט זיך געפינען אין עקסטרעם פון לינקען פליגעל צו אומאן אין א דארף וואו זיי האבען איבערגענעכטיגט און געזאלט נאכפאלגען די איבעריגע ארומרינגלען חריסטינאווקע, האט מען באמערקט פון א וועלדעל א פארטי פיינדליכע קאוואלעריסטען וואס האבען זיך געלאזט אויף דעם אטראד, די לאגע איז געווארען קריטיש ווען ניט די אונגארישע הוזארען וואס זענען פון א זייט אנגעקומען צו העלפען וואלט דער אטראד געווען אויסגעקוילעט אהן א ווידערשטאנד אפילו, דער צופאל האט געגעבען נאך צו דענקען דאס די באנדעס געפינען זיך ניט נאר דארטען וואו מען האט גערעכענט נאר אזוי גוט פון פארענט ווי פון הינטען און סע מעגליך דאס דענקענדיג אז מען וויל זיי ארומרינגלען וועט מען אמענדע אליין ווערען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען...

אין דעם זענען אנגעקומען איניגע רייטער און איבערגעגעבען דאס די סטאנציע חריסטינאווקע איז אריינגעפאלען צו די באנדעס אין די הענט און אונזערע האבען געמוזט פארלאזען די פאזיציע און זיך באפעסטיגען ביי דער סטאנציע פאנטאווקלעווקע, און אז סע איז באשטימט געווארען דאס דער צענטער און לינקער פלאנג זאלען נאך דעם זעלבען טאג אטאקירען און באפרייען חרעסטינאווקע פון די באנדעס...

ווען צום ענדע פון טאג מען האט זיך געפינען אין עקסטרעם צום איזאלירטען וועלדעל ניט ווייט פון דארף חריסטינאווקע, צוויי ווארסט צו דער סטאנציע האבען זיך ווידער געוויזען א קליינע גרופע קאוואלעריסטען אין פאראלעל צום אטראד וואס האט געזאלט אטאקירען; א שיסעריי האט זיך אנגעפאנגען פון ביידע זייטען, צום גליק האט זיך ארויסגעוויזען דאס די רייטער זענען אייגענע און דער עקצידענט האט זיך געענדיגט מיט עטליכע פארוואונדעטע. און שפעטער ווען מען האט געשטורעמט דאס דארף חריסטינאווקע און א חוץ א פאר פאלימיאטען און עטליכע טויטע קיינעם ניט געטראפען, האט מען זיך געלאזט אין איין אטעם צו דער סטאנציע ווי א ריכטיגער פייער האט זיך צופלאקערט

(ענדע אויף דער 6־טער זייט)

ענטמוטיגונג, אפאטיע, רעזיגנאציע,, אהנע צו דערמאהנען די שנאה, די ריוואליטעטען און די קאנפליקטען, וועלכע מאכען אפט פון דער שולע א שלאכט־פעלד פאר העפטיגע צוזאמענשטויסונגען צווישען אייטעלקייט און פארביטערונג. איז עס דען ניט ווינשענס ווערט צו האלטען די צארטע קינדערישע הערצער אזוי ווייט און אזוי לאנג אוועק פון דיזער אונפרוכטבארער און שעדליכער קאנקורענץ, מיט וועלכער זיי וועלען גענוג צייט האבען זיך שפעטער, אריינטרעטענדיג אין דעם קאמף פארן לעבען, צו באקענען?

## אן איינווענדונג.

מען וועט מיר געוויס פאלגענדע איינווענדונג מאכען:

אבער פארלאזענדיג דעם ,,בינשטאק'' וואו מען האט זיי ניט צוגעגרייט צו די מלחמות פון לעבען מיט זייערע געפאהרען און סטראטעגישע קונצען, וועלען דאך אייערע קינדער זיך פארלירען אין קאמף אין וועלכען זיי מוזען זיך באטייליגען. זיי וועלען ניט נאר ניט קאנען אטאקירען, נאר אפילו ניט פארטיידיגען זיך. זיי וועלען דערפאר באזיגט און פאלשטענדיג פארניכטעט ווערען.

איך בין ניט מיט דיזער מיינונג.

אויב עס האנדעלט זיך מכח דעם קאמף, וואו צביעות און שלויקייט, ריקזיכטסלאזיגקייט און הארטהערציגקייט גאראנטירען דעם זיעג, איז טאקע זעהר מעגליך, אז אין דיזען קאמף וועלען אונזערע קינדער א נידערלאגע באקומען. אבער דארט, וואו דאס אמת'ע וויסען, די ערדעלקייט פון הארצען, די ליבע צו גערעכטיגקייט, זעלבסט רעספעקט און ווילענס מאכט זיינען די וואפען פון די קעמפענדע, בין איך זיכער, אז אונזערע קינדער וועלען זיעגען.

מען וועט מיר אפשר זאגען, אז נאך א לאנגע, לאנגע צייט וועלען דוקא די פארגיפטעטע וואפען זיין די, וואס וועלען באנוצט ווערען, און די אנדערע האבען דערפאר קיין פראקטישען ווערט ניט.

צוערשט וועל איך דערויף ענטפערען, אז מאנכע נידערלאגען זיינען גלאררייכער און פרוכטבארער ווי אנדערע זיעגען וואס זיינען ניט מעהר ווי שענדליך און שעדליך, ווייל עס ליגט מעהר ערדעלקייט און פרייד אין די ליידען פון א מפלה דורך אמת, גערעכטיגקייט און פרייהייט, ווי אין דער פרייד פון א נצחון דורך ליגענט, אונגערעכטיגקייט און טיראניי.

פאלג.

וואס זאל דער ערציהער טהון? וואס זאל ער בעסער באלוינען? די פרייע מתנה פון דער נאטור אדער די פערזענליכע אנשטרענגונג? זאל דער, וואס האט ווייניגער געארבייט באלוינט ווערען, בלויז דערפאר, וואס ער האט מעהר עררייכט?

דאס וואלט געווען אונגערעכט און באדויערענסווערט. דאס וואלט געווען א פארגלייך, צווישען צוויי אונגלייכע כחות.

דער סיסטעם פון קלאסירען סטימולירט ניט, ווייל פארלאנגענדיג צו ווייניג פון דעם וואס קאן געבען מעהר פאראורזאכט דאס גייסטיגע פוילקייט און פארלאנגענדיג צופיעל פון דעם, וואס קאן ניט געבען קיין סך ברענגט עס איהם צו ענטמוטיגען.

דער ערציהער דארף יעדען שילער באהאנדלען אינדיווידועל און סעפאראט און זעהן, אז יעדערער זאל זיך ענטוויקלען לויט זיינע כחות. די ערמוטיגונג דארף ניט זיין א פריווילעגיע בלויז פון די פעהיגע און נאטירליך בעגאבטע, נאר יעדערער דארף באקומען די ערמוטיגונג, וואס זאל העלפען זיין ווייטערדיגע ענטוויקלונג.

## די זיטליכע ערציהונג.

ענדליך זיינען מיר אנגעקומען צום קאפיטעל איבער די זיטליכע ערציהונג, דער דעליקאטסטער פונקט פון די ,,ווערטער פון אן ערציהער''.

מען איז שוין אזוי גוט ווי אייניג איבער די בעסטע מעטאדעס וואס דארפען אנגעפיהרט ווערען בכדי צו קומען צו א בעסערער פיזישער ענטוויקלונג פון קינד. מען הייבט שוין אויך אן מעהר אדער וועהניגער צו ערקענען וועלכע פעדאגאגישע מעטאדעס זיינען אמבעסטען געאייגענט צו באגינסטיגען זיין אינטעלעקטועלע ערציהונג. אבער וואו עס הערשט נאך אלץ א טיעפער תהום פון מיינונגס־פארשידענהייטען איז בנוגע צום ערציהערישען פראצעס, וואס דארף אנגעווענדעט ווערען לטובת די מאראלישע ענטוויקלונג פון קינד, פאר די מעטאדישע בילדונג פון זיין ווילען, די באפעסטיגונג פון זיין געוויסען און די אויסברייטונג פון זיין הארץ. דאס איז א געביעט, וואו עס איז נאך דא זעהר פיעל צו מאכען און זעהר פיעל איבערצומאכען.

דער קאמף געהט פאר מיט גרויס ביטערקייט צווישען צוויי מעטאדעס: שטרענגקייט אדער מילדקייט, צווינגען אדער פרייהייט, דרעסירען אדער ערציהען.

# די אינטערנאציאנאלע דיוויזיע

(שלום פון דער 3־טער זייט)

72445

פון ביידע זייטען, ווען ניט די טאפע חויד געוואקסענע זאנגען פון איין זייט, וואס האבען אויגענבליקליך פארדעקט די טויטע און פארוואונדעטע און געגעבען די לעבעדיגע די געלעגענהייט ענדליך צו דערגרייכען די סטאנציע, און דאס צופאלען פון דער נאכט, וואלטען מיר ווער ווייסט וויפיעל מענשען, געמוזט נאך אומברינגען צו געווינען די סטאנציע חריסטינאווקע...

דאס גליק האט ניט לאנג געדויערט, אין א קורצער ווילע ארום, די סאלדאטען האבען ניט אמאל צייט געהאט זיך ארומצוקוקען ווי א נייער האגעל פון קוילען האט גענומען זיך שיטען פון אלע זייטען אויף דער סטאנציע און אפקלאפענדיג אין די פיסטע וואגאנעס האט דאס פייפען און סווישצען פון די קוילען פון איין זייט און דאס יאמערדיגע אגאניע קרעכצען פון די פארוואונדעטע אין דער נאכט פינסטערניש פון דער צווייטער זייט אין גאנצען צובראכען דאס ביסעל מוט פון די סאלדאטען און זיי האבען אויפגעגעבען דעם לוסט צו האלטען די סטאנציע און זיך צוריקגעצויגען מיט דער באן־ליניע אויף דעם וועג צו פאנטאקלייעווקע. ארום האלבע נאכט ווען די צוריקגעצויגענע האבען זיך געפינען ביים פאלסטאניק אין מיט וועג פון די צוויי סטאנציעס האבען די באנדעס געלאזט אין פולען גאלאפ א ברענענדיגען לאקאמאטיוו מיט עטליכע וואגאנעס אין דער ריכטונג פון פאנטאקלייעווקע. און מיטן טאג צוגלייך איז פון דעם גאנצען עשאלאן געבליבען ניט מעהר ווי די רעדער און די אייזענס ארום וואס האבען אויסגעזעהן ווי א סקעלעט פון א ריזיגען פרעהיסטארישען פשעזיאזאר.

דער צווייטער עקספערימענט האט שוין געקאסט צו טייער אז מען זאל נאך טראכטען פון א נייעם אנגריף און ווען מען האט דערגרייכט אויפן צווייטען טאג פאנטאקלייעווקע האט זיך יעדען אפגעגלוסט פון צו דענקען אנדערש ווי א פאלשטענדיגע רוה... אין דעם האבען זיך גענומען ארומטראגען פארשידענע קלאנגען צווישען די סאלדאטען דאס די באנדעס האבען זיך פאראייניגט מיט די פעטליורעוצעס און מארשירען אויף קיעוו און אויב מען וועט ניט באלד אפטרעטען צו קיעוו וועט מען בלייבען אפגעטניטען אין גאנצען און ארומגערינגעלט פון אלע זייטען... א צווייטער קלאנג האט זיך ארומגעטראגען: דאס דער שטאבס קאמאנדיר פון דער צוועלפטער ארמעע האט פארראטען און פארנאכלעסיגט די ארדענס וואס ער האט באקומען פון ,,גלאווקאווערק’’ און דורך זיי האט מען די ביידע שלאכטען פארלוירען.

דאס אלעס און די מוטלאזיגקייט פון די אויסגעמוטשעטע סאלדאטען וואס האבען זייט צוויי חדשים קיין איין איינציגען טאג רוה ניט געהאט, האט געבראכט דערצו דאס די גאנצע ארמעע, אויסער דעם טשירניגאווער פאלק מיט זאצעווען אין דער שפיצע, האבען זיך געלאזט דירעקט קיין קיעוו דורך באלעצערקווע, וואס דאס האט געהייסען צו מאכען א שטרעקע פון 200 וויארסט דורך מעטער און אויספעלענדיג די באהן־ליניע, האט זיך די ארמעע געלאזט געהן. אין מיטען וועג, דעם צווייטען טאג, ווען די אלע אטראדען האבען הינטער זיך פארברענט די עשאלאנען, צוראבירט און צושטערט די קליידונג און עסענווארג פון די צעכהאזען, האט דער קאמאנדיר זאצאוו אנגעיאגט די צוריקגעצויגענע ארמעע און גענומען איינרעדען זיך אומצוקערען און באנייעס אנהויבען דעם קאמף מיט די אלע קאנטער־רעוואלוציאנערן, נאר קיינער האט זיך צו אים ניט צוגעהערט און פארטגעזעצט דעם מארש ביז קיעוו וואו זיי האבען מיט דער גאנצער ארמעע אפגעטראטען פון אוקראינע.

די רייזע און ריקצוג פון פאנטאקלעווקע ביז קיעוו האט גענומען ביי דער 12־טער ארמעע 8 טעג. פון אייניגע עטאפען ווי מען האט זיך אפגעשטעלט האט מען געזעהן ווי ווייט מעגליך אויסמיידען די דארפישע באפעלקערונג, ווי מען האט געדארפט קריגען צדה לדרך און ווי זיי האבען געשפירט, אז די דארפישע באפעלקערונג איז פיעל מאל פון די קאמוניסטישע אטראדען געקריוודעט געווארען און וועט א צינד, אז דער רודף איז געווארען א נרדף זיך שטעלען אנטקעגען... דאס וואס די דערשלאגענע ארמעע, אהן מוט און אהן גייסט האט ניט געוואלט אנהויבען. און אויסגעקליבען מעהר ווייניגער גרעסערע און קלענערע שטעטלעך מיט א געמישטע באפעלקערונג און וואו מען איז געווען זיכער ניט צוטרעפען קיין ווידערשטאנד, און קריגען צו עסען און שלאפען, האט מען זיך געלאזט א הינצו.

נאר די זעלבע, וואס האבען אזוי פיל צרות אנגעמאכט דער ארימער דארפישער באפעלקערונג, האבען געזוכט דורך פארשידענע אויסריידען צו בארויבען די דערשלאגענע פאגראמירטע אידישע באפעלקערונג וואס האבען יעדען מזנית געהאט די נשמה אין דער זשמינע און זיך טויט געשראקען און א בלאט פון א בוים האט זי דערשאקעלט...

דערזעהענדיג אזא מתנה און וויסענדיג, וואס זיי קענען ערווארטען האבען זיך די מיינסטען פון דער אידישער באפעלקערונג אויסבעהאלטען און צולאפען ווי נאר די אויגען האבען זיי געטראגען, און געלאזט זייערע הייזער און פארמעגענס אויף הפקר און אויף גאטס באראט...

דאס האט אבער שטארק דערצארנט די ,,העלדען’’ פון די מונטער־דיוויזיעס און אנד. וואס האבען געזעהן א מעגליכקייט צו רויבען הילפלאזע וואס קענען זיך ניט אנטקעגען שטעלען... אין אייניגע שטעטלעך ביז ביאלעצערקווע, האט מען טאקע געגריבט און ווען ניט אייניגע מוטיגע אפיצירען, וואס האבען געקענט דערביי פארלירען זייער לעבען, וואלטען זיך ניט געשטעלט און גענומען אנרעדען די צעווילדעוועטע מאסע, ווער ווייסט צו וואס דאס אלעס וואלט דאן געבראכט?.. אין ביאלעצערקווע האט מען געפונען דעם שטאבס־קאמאנדיר פון דער 12־טער ארמעע, וועלכען מען האט באשולדיגט אין דורכפאל מיט די באנדעס און א האלב טויטען האט מען דעם נעכטיגען קאמאנדיר געשלעפט איבער די גאסען וואו מען האט גערענקט, אום צו פיהרען קיין קיעוו און דערשיסען.

פון ביאלעצערקאוו האט מען געמאכט פיער עטאפען אין פיער טעג און ווען מען איז אנגעקומען קיין קיעוו האט מען דארטען געטראפען די איבערבלייבעכצען פון דעם ערשטען פאלק פון דער אנדערסערמונטער־דעוויזיע, וואו זיי האבען ניט ווייט פון טשערקאס געהאט א דעניקענסקע ארמעע, וועלכע האט זיך גערוקט פון פאלטאווער גובערניע אויף קיעוו, און האבען צעשלאגען דעם פאלק און ווי אין ריקצוג איז דער קאמאנדיר פון פאלק באגדאנאוו מיט זיינע שטאבס־לייט אריינגעפאלען אין פלען און דערשאסען געווארען.

אין קיעוו האבען זיך אויך צוזאמענגעקליבען די אלע רעשטלאך פון דער 12־טער ארמעע, וואס מען האט גערענקט צו ,,פארטיידיגען דעם רויטען קיעוו’’, וואו ראקאוורקי האט האט געדונערט און איז אליין דער ערשטער מיט זיינע פאוועטשיקעס אויסגעוועזען די צייט.

נאר דעניקין פון איין זייט און פעטלורא מיט זיין גאליציאנער ארמעע פון דער צווייטער זייט און די אלע באנדעס פון ארום, וואס האבען פארפלייצט די אומגעגענט, האבען געצוואונגען די סאוועטישע ארמעע זיך צוריקציען ביז... ביז טשערניגאוו, נאמעש און ווייטער...

איך וויל מיך דא ניט אפשטעלען אויף די אי־בעריגע ארטיקלען, ספעציעל אויפן אתה־בחרתנו שטאנדפונקט פונם ארטיקעל פון פ. ווארלד, אויך דערויף ניט, וואס פונם באריכט פון דער אידישער סעקרעטאריע קען מען כמעט גארניט ארויסנעמען, וואס איך בין אויסען געוועזען איז דער וועג, אויף וועלכען אונזער ארגאן האט זיך פארנומען.

איך רעכען, אז שוין צייט צו פארטראכטען זיך, צו וואס דאס קען פיהרען.

א לוסטראדאר.

---

## 1000 פעזאדיגער פאנד

ליסטע נומער 50

געזאמעלט דורך ה׳ שווארצבער אין ראזאריע. ארעלאווי. 3 $; שווארצ. 2.50 $; גאדאפרעדא 2 $; כ׳ ארעלא 1 $; גאלדבערג 1 $; טשימי־נאזא 50 סענט; שארין 50 סענט; באלדינארי 50 סענט; ראדריגעז 50 סענט; „אמאר אי ליבערטאד" 30 סענט; בלום 30 סענט.

סך הכל 12.10 $.

קאזאקע 5 $; מ. מירק. 5 $; י. ביטלער 5 $.

צוזאמען 27.10 $.

---

# פארקומען

# ...יטער שטימע"

...ש. פון י. גאראדיצקי.

...ם עליכם, 4) דעקלאמא־

...פעהלען שבת אווענד.

---

...דער לעבעדיגער וועלט; זיי באנוגענען זיך ניט דערמיט, וואס זייערע געוועזענע חברים אין קאמף פאר פרייהייט, מענשעוויקעס, עס־ערען, געקומען [illegible], אז זייער א גרויסע צאהל פון די ארעסטירטע דארט ליידען פון שווינדזוכט, כמעט האלב פון דעם גאנצען צאהל

RADIOGRAM

WORLD WIDE WIRELESS

RADIO CORPORATION OF AMERICA

IN CONNECTION WITH

"TRANSRADIO"

A.G. FUER DRAHTLOSEN UEBERSEE VERKEHR, BERLIN

CONTINENT TO CONTINENT — "Via RCA" — THE ONLY DIRECT TELEGRAPHIC CONNECTION, AMERICA–GERMANY

SHORE TO SHIP — SHIP TO SHORE — "Via RCA" — EINZIGE DIREKTE TELEGRAPHISCHE VERBINDUNG DEUTSCHLAND–AMERIKA

FORM No. 112 G

RECEIVED AT 64 BROAD STREET, NEW YORK, AT ______ M. DATE ______ 192__

W 363 PRSR BERLINWILMERSDORF 18

RL COHEN 48 CANAL NEWYORK

RED CROSS TROUBLE SOLOVKI THREE HUNDRED POLITICALS TREATED COMMON CRIMINALS

JINT COMMITTEE BERKMAN

"RADIOLETTER" 1924 AUG 24 PM 8 08

D 539

TELEPHONE: BROAD 5100 — To secure prompt action on inquiries, this original RADIOGRAM should be presented at the office of the Radio Corporation. In telephone inquiries quote the number preceding the place of origin.

(א פאטאגראפישע בילד פון דער ראדיאגראם וואס מיר האבען באקומען פון גענאסע אלעקסאנדער בערקמאן און וועלכע דערציילט וועגען נייע מערדעריען געגען די פאליטישע ארעסטירטע אין סאלאוועצקי מאנאסטיר.)

---

אנארכיסטען און סינדיקאליסטען ווערען גע־פלאגט פון שווינדזיכט, צינגא, הונגער און קעלט — די אלע אומבאשרייבליכע ליידען שטעלען ניט צופרידען די סאדיסטישע נאטורען פון דזשערזשינסקי און זיינע משרתים: אבזיכטליך, פלאנמעסיג און מיט די אייגענע הענט זוכען זיי נאך צו מאכען אומערטרעגליך דעם גורל פון די אומגליקליכע קרבנות זייערע.

די ראדיא טעלעגראם איז קורץ און שרעקענגס־פול דאס ניט דערזאגטע אין איהר דערציילט טויזענט מאל מעהר ווי די עטליכע שווערליכע ווערטער. די טעלעגראמע דערמאנט אז דער בלוטיגער נאכריכט וואס מיר האבען פון דארט באקומען מיט אכט מאנאטען צוריק, וועלכע האט דערציילט וועגען דער קאלטבלוטיגער ערמארדונג פון 6 שוצלאזע פרייהייטס־קעמפער.

וויפיעל קרבנות זיינען געפאלען פון סקארבוט. א צאהל זיינען לעצטען דעצעמבער ערמארדעט געווארען און איינינע זיינען געטריבען געווארען צו פאגיין זעלבסטמארד, פארברענענדיג זיך לעבעדיגערהייט. און נאך א גרסערע צאהל האט פארלארען דעם פארשטאנד. איצט קומט דער קלימאקס, וועלכער לאזט אונז וויסען, אז די לאגע האט זיך דארט שארף געענדערט צום ערגערן. דער לעצטער שטראל פון האפענונג איז אויסגעלאשען געווארען פאר די ארעמע מארטירער.

ווי לאנג וועלען די יורשים פון יאהאן גראזני מאטערן די איידעלסטע נשמות פון רוסישען פאלק? ווי לאנג וועלען די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט פארשווייגען די בלוטיגע פארברעכען פון די מאסקווער דעגענעראטען? ווי

---

שטראף, וואלט ער זיך ניט ערנידעריגט צו אזא העסליכער טהאט. מען דארף אויך ניט פארגעסען דאס: וויסענדיג, אז מען האט ביי איהם דעם בלייפעדער גע׳גנב׳עט און ניט וויסענדיג ווער דאס האט געטהון, וועט שוין פויל פון איצט אן האבען מיסטרויען צו אלע זיינע חברים און זייענדיג דער קרבן פון אן אונגערעכטיגקייט וועט ער שוין ניט מעהר האבען צום לעהרער דעם צוטרוי, וואס ער האט צו איהם ביז איצט געהאט. און וואס איז שייך צו פעטער, וועט דער ערשטער געלונגענער פעהלער, וואס ער איז בעגאנגען איהם שוין בהדרגה פיהרען צו די נידעריגסטע פארברעכענס, פון שווייגען ביז אנקלאגען און פארדאמען אונשולדיגע אויף זיין ארט. דער לאגישער מוסר השכל, וואס ער מוז ציהען פון דיעזער סצענע איז, אז פאר זאגען דעם אמת ווערט מען באשטראפט. דעם זעלבען שלום וועט אויך פויל ציהען.

אלזא, אנשטאט וואס דורך מילדקייט וואלט זיך דער גאנצער ענין געענדיגט דערמיט, וואס פעטער וואלט דעם לעהרער געזאגט, אז ער האט זיין בלייפעדער פארלארען און דער לעהרער וואלט איהם אן אנדער בלייפעדער געגעבען, העכסטענס, זאגענדיג איהם דערביי, אז ער זאל ווייטער מעהר אויפפאסען אויף זיינע זאכען, און עס וואלט ניט געקומען צו דיעזער טרויעריגער סצענע מיט אלע איהרע שרעקליכע קאנסעקווענצען פאר די צוקונפט פון ביידע שילער, האט איהר דורך אייער גלויבען, אז נאר דורך שטרענגקייט און שטראפען קאן מען ענטוויקלען די מדות טובות פון קינד, עררייכט פונקט דעם היפך דערפון.

(פארטזעצונג פאלגט)

